בס"ד

# דברי יונה

גליון מוגדל לקראת ההילולא

מבאר תורתו של
מרן הגה"צ
רבי יונה הלוי
פארסט זצ"ל
בעהמח"ס דברי יונה
וראש ישיבת ד'נייטרא

פרשת ויגש תשפ"ד




בחדרת קודש, מתכוננים אנו לקראת ההילולת המ"א של מרן הגה"צ

## רבי יונה הלוי פארסט ב"ר ישראל זצוק"ל

ראש ישיבת ד'נייטרא – ובעהמח"ס דברי יונה

ידועים דברי רש"י הקדוש בסוף מסכת יבמות (קכב. ד"ה תלתא ריגלי) שכותב, בתשובת הגאונים מצאתי, כל הנך רגלי דאמוראי, היינו יום שמת בו אדם גדול, קובעים אותו לכבודו, ומידי שנה בשנה כשמגיע אותו יום, מתקבצים תלמידי חכמים מכל סביביו, ובאים על קברו עם שאר העם להושיב ישיבה שם, עכ"ל. עוד זאת מצינו בדברי רש"י סוף פרק ראשון דבבא קמא (טז:) גבי חזקיהו המלך שנאמר אצלו (דברי הימים ב לב) וכבוד גדול עשו לו במותו, ודרשו חז"ל בגמ' שם, מלמד שהושיבו ישיבה על קברו. ופירש רש"י שם היינו שילמדו תורה על קברו, והתוספות שם כתבו, דלאו דוקא על קברו ממש, אלא כל שהוא בתוך ארבע אמות לקברו נחשב כמו על קברו.

בדרך כלל כשמתבוננים ביום הפטירה של אדם גדול מתחילים לראות, שכל מה שהנפטר היה אומר במשך ימי חייו, רואים עכשיו כמה הוא נכון, עכשיו רואים שבאמת אין מלווים לו לאדם לא כסף ולא זהב ולא אבנים טובות ומרגליות, אלא תורה ומעשים טובים בלבד, כל דברי התעוררות והמוסר שהיו שומעים מפיו של אדם גדול בחייו, רואים את זה בעליל אחרי פטירתו, וזהו ענין להושיב ישיבה על קברו, היינו להתבונן במקום מנוחתו של הצדיק, מה היתה דמות דיוקנו של הצדיק, ולהתעכב שם במנוחת הנפש, ולהפסיק את טירדות הזמן, באופן כזה אפשר להזכר בכל מה שהצדיק היה מלמד אותנו במשך ימי חייו, ולהמחיש בפנינו דמות דיוקנו של הצדיק הנפטר.

כשאנו משתדלים לצייר לעצמנו דמות דיוקנו של הנפטר דידן, הלא הוא הצדיק רבינו יונה זצ"ל, נזכרים איך שהיה מאיר פנים לכל אדם, איך שהיה מקבל כל אדם בסבר פנים יפות, וכפי גדול אחד שפירש את מאמר חז"ל (אבות פ"א מי"ד) והוי מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות, שיש כאן שלשה דברים שונים, תחלה צריך להיות סב"ר מלשון סברא, היינו בהשכל ובתבונה, ואחר כך צריך שיהיה פני"ם, ובסוף צריך להיות גם יפו"ת, היינו לקבל אותו בשמחה ובטוב לבב, וכזה היה רבינו רבי יונה, הוא היה מקבל את כל אדם ממש בסבר, ובפנים, ובפנים יפות היינו בשמחה.

אנו מקווים שמה כאן היה עומד ומשמש, אף שם יהיה עומד ומשמש, ואנו נעשה את שלנו, וזכות גדולה תהיה לנו לעשות נחת רוח לנשמתו הטהורה, יהי רצון שיהיה מליץ יושר לכולנו לכל תלמידיו ולכלל ישראל כולו, ונזכה בקרוב בימינו לקראת משיח צדקינו במהרה בימינו אמן.

בעזהשי"ת





# מערכת אוצר יונה

## וועד להוצאת ספרי מרן זצ"ל

# סימן טוב ומזל טוב

בשמחה רבה ובחדוה עילאה, באנו בזה לברך בשער בת רבים
ברכת מזלא טבא וגדיא יאה, להאי גברא רבא ויקירא
לב טוב, ומקבל כל אדם בסבר פנים יפות, שבחו מי ימלל
אין גומרין עליו את ההלל, כש"ת ידידינו היקר והמרומם

## הרה"ח מוה"ר

# משה יוסף

# ישראל פעלדמאן

## שליט"א

עוזר בכל עת בנאמנות יתירה למען הוצאת ספרי מרן הגה"צ זצ"ל

## לרגל שהשמחה במעונו בנישואי בנו הבה"ח אהרן יחזקאל

## ני"ו למז"ט ובשעטומ"צ

### עב"ג בת הרב רפאל ברוך פריעדמאן שליט"א

ובכן יחד כולם יתנו יקר וגדולה, כי הוא ראוי לברכה, יברך ה' פועל ימינך, ותמיד יהא ה' בסעדך,
וזכות מרן זצ"ל יגן בעדך ובעד ב"ב לכל טוב סלה, ושכרך המרובה תראה בעולמך,
בעולם הזה ובעולם הבא, יתן ה' בביתך כל טוב, שפע באוהלך, שמחה בביתך, ברכה באסמך,
והצלחה בעסקך, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות, עדי נזכה לביאת מלכא משיחא.

## המברכים מעומק הלב

## המערכת

מדור

# תולדות חייו אידיש

תולדות וקורות ימי חייו פון מרן הגה"צ

## רבי יונה הלוי פארסט זצ"ל

לקראת יומא דהילולא קדישא
ביום ה' ויחי הבעל"ט

---

**לבקשת הרבים**

**לייגן מיר דא איבער די תולדות וקורות ימי חייו, פון מרן הגה"צ זצ"ל וואס איז ספעציעל ארויסגעגעבן געווארן פאריאר לקראת יודה"ל הארבעים**

---

# הגליון נתנדב

**נתנדב לזכות בריאות השלימות של**

## טובי' אביגדור בן ברכה

**זכותו הגדול של מרן זצ"ל יגן בעדו, לבריות גופא ונהורא מעליא, ולכל טוב סלה עד מאה ועשרים שנים**

---

**תודה רבה ומיוחדת**

לכבוד האי גברא יקירא, ידידינו החשוב והמרומם

**הר"ר משה יוסף פעלדמאן שליט"א**
**הר"ר פנחס מאיר פעלדמאן שליט"א**
**הר"ר יונה פעלדמאן שליט"א**

**שעזר להגליון המוגדל לכבוד ההילולא לע"נ רבינו יונה ב"ר ישראל הלוי זצוק"ל**

המברכים בכבוד רב חברי המערכת

---

## וזרח השמש

הגאון הצדיק ר' יונה הלוי פארסט זצ"ל, איז געבוירען געווארען אין דער יאהר תרע"ו צו זיין טאטע הרבני ר' ישראל הלוי ז"ל, און זיין מאמע מרת פייגא ע"ה, אין די שטאט וויען. זיין טאטע ר' ישראל, האט געשטאמט פון גאליציע, נאר ביי די ערשטע וועלט מלחמה, האט ער געדארפט וואנדערען, ביז ער האט זיך באזעצט אין וויען, וואס איז אין עסטרייך.

דער שטוב פון ר' ישראל, איז געווען ארום גענומען מיט יראת שמים. ר' ישראל פלעגט פאסטען יעדעם מאנטאג און דאנערשטאג, און ער האט אנגעהאלטען דעם מנהג ביז א גאר טיפען עלטער, וואס דעמאלס האט ער געדארפט מוותר זיין אויף דעם מנהג, אלס קינד האט ר' יונה געלערענט אין די חדר יסודי התורה אין וויען, און זיינע רביים האבען באוואנדערט זיינע כשרונות, התמדה, און יראת שמים.

## גולה למקום תורה

ווען ער איז אלט געווארען פופצען יאהר אלט, איז ער געפארען לערנען אין דעם שטעטל טירנוי אין די גרויסע ישיבה, וואס האט געפירט הגאון הצדיק ר' שמואל דוד הלוי אונגאר זצ"ל.
ווען ער איז געווען בערך זעכצען, האט איהם אנגעכאפט א ברען צו גיין לערנען אין די וועלט בארימטע ישיבה, ישיבת חכמי לובלין, ביים לובלינער רב הגאון הצדיק ר' מאיר שפירא זצ"ל. און כדי אריינצוגיין אין די ישיבה האט ער זיך געדארפט פארהערן אויף צוויי הונדערט בלאט גמרא תוספות בעל פה, וואס ער האט עס דורכגעמאכט בהצלחה. און ער איז געווארען באליבט ביי זיין רבי און זיינע חברים. און ער האט געלערענט דארטען בהתמדה רבה ממש יומם ולילה.

זייענדיג אין פולין, האט ער אויסגענוצט די געלעגענהייט זיך צו באקענען מיט די צדיקים פון יענעם געגענט, און למשל ווי ער האט דערציילט, ווי אזוי ער האט פארברענגט א סדר נאכט פסח ביים גערען רבי'ן, דער בעל אמרי אמת זי"ע. אזוי אויך אין טשורטקוב, און ביי אנדערע צדיקים, און שפעטערע יארען אין אמעריקא, פלעגט ער לעבעדיג מאכען פאר די אמעריקאנער יוגענט, דעם עבר וואס ער האט זיך איינגעזאפט ביי די ערליכע אידען.

## יסורין של אהבה

אבער עצת ה' היא תקום, עס איז איהם נישט געווען באשערט צו קענען לאנג בלייבען דארטען אין ישיבה, וואס בערך אכטצען חדשים, נאכדעם וואס ער איז געווען אין ישיבה, איז ער ל"ע נישט געזונט געווארען אויף די ביטערע מחלה פון פאליא ר"ל, וואס ער איז דורכדעם געווארען פאראלאזירט, כמעט אויף די גאנצע גוף. עס האט איהם געטריי באדינט זיינע חברים אין ישיבה, און איינער פון זיי זענען געווען הגאון ר' שמואל הלוי וואזנער זצ"ל.

נאכדעם איז ער געפארען צו א ספעציעלע שפיטאל פאר דעם מחלה אין האללאנד, און ער איז דארטען געווען בערך צוויי און א האלב יאהר, ווי ער האט זיך אויסגעהיילט כמעט אין גאנצען, און נאר זיינע פוס זענען געבליבען פאראלאזירט אויף זיין גאנצע לעבן, און ער האט געדארפט אנקומען צו דער הילף פון א ווילטשער.

## עומד בנסיון

שרייבט זיין ידיד נפש פאר איבער פופציג יאר הגה"צ ר' שלו' משה הלוי אונגאר דער נייטרא רב זצ"ל, [דער זין פון דער אלטער נייטרער רב הגה"צ ר' שמוא' דוד זצ"ל, דער רבי פון ר' יונה] אז ר' יונה האט איהם דערציילט, וועגן די שווערע און ביטערע נסיונות, וואס ער האט דארטען געדארפט אדורכמאכען, ווייל ער איז דארטען געווען איין ערליכע בחור אליין, אן קיין שום חברים, און ער איז געווען אין סכנה פון אריינפאלען מיט נישט גוטע חברים, וואס האבען פרובירט מיט אלע כוחות צו בינדען א שייכות מיט איהם, ווייל ער איז געווען א בעל חן, אויך איז עס געווען שווער מצד וואס ער האט נישט געוואלט עסען קיין מאכלות אסורות, און קיין כשר'ע עסען איז דארטען נישט געווען, פונדעסטוועגן האט ער זיך מחזק געווען מיט אלע כוחות, נישט אדורכצופאלען.

ער האט דערציילט, אז אויב נישט די תפילות וואס ער פלעגט זיך אויסוויינען בדמעות שליש, אז די רבש"ע זאל איהם אפהיטען, און אויב נישט די געוואלדיגע סייעתא דשמיא, וואלט ער עס נישט געקענט אויסהאלטען. און דער זעלבע צייט האט ער אויך זיך באנוצט מיט חכמה און תחבולות, ווי דער פסוק זאגט אין משלי, בתחבולות עשה לך מלחמה, האט ער זיך אריינגעלייגט, אין ספרים וואס האט זיך געפונען דארטען אין די ביבליאטעק, וועגן חכמת היד והפרצוף והכתב, וואס ער איז געווארען א מומחה אין די ענינים. די נייטרא רב ר' שלו' משה זצ"ל האט דערציילט, אז ער האט איהם פארהערט מים פארשידענע כתבים פון אלא מיני ערליי סארט מענטשן, און ר' יונה האט איהם פונקטליך אויסגעמאלט די תכונות פון די אלע מענטשען פונקטליך צום האר.

## לולי תורתך שעשועי

נאכדעם וואס ער האט געענדיגט זיין תקופה אין שפיטאל, איז ער צוריק געפארען לערנען אין ישיבה, צו הגה"צ ר' שמואל דוד הלוי אונגער זצוק"ל, וואס ער האט שוין געלערענט ביי איהם אין טירנוי, און יעצט איז ער געווען רב אין נייטרא, און ער האט געפירט די ישיבה אין נייטרא. מען דערציילט, אז בשעת מען האט איהם אנגעטראגען דעם כתב רבנות פון די נייטרא קהילה, און די טירנויער קהילה האט זיך איינגעבעטען ער זאל זיי נישט איבער לאזען, האט זיך ער פארטראכט, און זיך אנגערופען, מיין הארץ זאגט מיך, אז עס וועט זיין א צייט, ווי עס וועט מער נישט זיין קיין ישיבות, און נאר אין נייטרא וועט נאך זיין ישיבה, און אזוי איז עס געווען צום סוף, וואס די נייטרער ישיבה איז געווען די לענגסטע ישיבה וואס האט זיך אנגעהאלטען אונטער די רשעים ימ"ש ביי די צווייטע וועלט מלחמה, ווי מיר גייען דערציילען בעז"ה.

## השגחה פרטית

אן אונטערסאנטע השגחה פרטית האט פאסירט, ווען ר' יונה איז אנגעקומען צוריק אין נייטרא. אין יענע צייט האבען בדרך כלל עשירים נישט געהאט קיין גרויסע השגות צו געבען פאר ישיבות, ווייל זיי האבען נישט געהאט די ריכטיגע חשיבות התורה, האט זיך אבער געמאכט א גביר מיטען נאמען י. שווארץ ז"ל הי"ד, וואס האט מנדב געווען צו בויען פיר גרויסע און שיינע צימערן, פאר די בחורים אין די ישיבה, און ער האט עס געבויט ממש לעבן די ישיבה, און עס האט זיך געענדיגט ממש פאר ר' יונה איז אנגעקומען אין נייטרא, אזוי עס איז געווען מיט די בחינה פון הקדים רפואה למכה, אזוי אז ער האט זיך נישט געדארפט ארום וואלגערן, און ער האט באקומען א צימער פאר זיך, וואס איז געווען ממש לעבן די ישיבה.

## באהבתה תשגה תמיד

ווען ער איז אנגעקומען אין ישיבה, האט ער זיך ארייגעווארפען אין די ים התלמוד, מיט א מורא'דיגע התמדה, און ער איז כמעט נישט געגאנגען שלאפען, נאר ער פלעגט איינשלאפען אויף זיין ווענעלע לערנענדיג. אזוי האט ער באקריגען א ידיעה אין אלע מקצועות התורה, און אין די שיעור פון זיין גרויסער רבי דער נייטרא רב, ווען דער רב פלעגט אנקומען צו א שווערע קשיא אין די סוגיא, פלעגט ער כסדר פרעגן ר' יונה אויב ער האט געזען די קשיא אין איינער פון די מפרשים, ווייל אויב איימיצער פרעגט די קשיא, וואלט ר' יונה זיכער געוויסט דערפון, ווייל ער האט שוין געענדיגט לערנען די גאנצע סוגיא בעיון, נאך פאר די שיעור האט זיך אנגעפאנגען.

אויך ער פלעגט קיינמאל נישט גיין עסען, אין די עסזאל, פון רוב התמדה, נאר מען פלעגט איהם צו ברענגען די עסען אויף זיין פלאץ אין ישיבה, און ער פלעגט נאר עסען אביסעל פאטעיטאס, אדער ברויט מיט סארדינען, און רוב מאל פלעגט ער דאס אויך נישט עסען, נאר ווען ער איז ממש געווען אויסגעהונגערט, און מען האט ממש געזען ביי איהם, ווי אזוי די גאנצע עסען איז א דבר טפל וואס ער מוז פטור ווערן דערפון בשעת ההכרח.

אפילו אין שבת קודש, ווי דער מנהג פון די בחורים איז געווען, אז מען האט געגעסען ביי די בעלי בתים פון די שטאט, האט ער בשום אופן נישט געוואלט גיין אוועק פון די ישיבה, נאר ער האט זיך אביסעל אפגעקאכט סארדיענען און אייער, און דאס האט ער געגעסען פאר די סעודות.

האט זיך געמאכט אז איין גביר, אן ערליכער איד, א בעל טובות, האט איהם זייער שטארק געבעטן, אז ער זאל קומען ביי איהם עסען א סעודה, און דער גביר האט איהם זייער שטארק געמוטשערט, און דער גביר האט געוואינט ממש לעבן די ישיבה, האט ער איהט נישט געקענט אפשטופען, און ער האט אנגעפאנגען, צו גיין עסען צו איהם א יעדער שבת. דער סדר היום אין נייטרא איז געווען, אז מען האט געדאווענט שחרית זיבען אזייגער אינדערפרי, אפילו אויף שבת, און מען האט געענדיגט דאווענען בערך א האלב נאך צען, און די סעודה פלעגט עסען בערך איינס א זייגער, און אינצווישען פלעגט מען לערנען.

האט זיך געמאכט איינמאל, אז ר' יונה האט זיך פארטיפט אין לערנען, און ער האט נישט באמערקט וויפיל אזייגער עס איז, און ער איז אנגעקומען צום סעודה שפעט מיט איבער א האלבע שעה, און דער בעל הבית, דער גביר האט איהם מוסר געזאגט פאר קומען שפעט, איז פון דעמאלס אן איז ער מער נישט געגאנגען צו עסען ארויס פון די ישיבה, ווייל ער האט זיך מסביר געווען, אז באמת די גאנצע ענין פון גיין עסען ביי א צווייטער מענטש איז אנטקעגען זיין רצון, נאר ער האט נישט געקענט ביישטיין אנטקעגן די בקשות פון דער גביר, אבער אז ער מיינט שוין אז ער איז זיין גאנצע בעל הבית, ווייל ער גיט איהם צו עסען, און ער קען זיך נישט פארטיפען אין לערנען, ווי זיין ווילען, בין איך שוין מחוייב נישט צו גיין מער צו איהם.
[דער נייטרע רב ר' שלו' משה זצ"ל האט געזאגט, אז א ענליכע מעשה איז גשעהן ביי ר' הלל קאלאמייער זי"ע ווען ער האט געלערענט אין פרעשבורג]

## די אדרעס פאר א עצה

מיט דער צייט איז ער געווארען דער אדרעס, צו באקריגען א גוטע עצה אדער א טובה, און אויב א בחור האט געהאט א פראבלעם, אדער א דאגה, איז ער געקומען צו ר' יונה, און יעדער מאל פלעגט ער ארויסגיין פון איהם גליקליך און צופרידען, און אסאך מאל פלעגט זיין רבי דער נייטרא רב ר' שמוא' דוד זצ"ל שיקען צו איהם א בחור וואס האט געדארפט האבען חיזוק.

זיין רבי דער גרויסער נייטרא רב זצ"ל אליינס ווען ער האט געהאט גאר א שווערע ענין, פלעגט ער ליב צו האבען דורכצורעדן מיט איהם, ווייל ער פלעגט זאגען אז ר' יונה האט א גלאט קאפ. און הגה"צ ר' מיכאל בער וייסמאנדעל זצ"ל איז געווארען נאנט צו איהם ווי א ברידער, און א פאר מאל א טאג פלעגט ער זיך קומען דורכרעדן מיט איהם (אלע פרטים ביז דא זענען גענומען פון א בריף פון נייטרא רב ר' שלו' משה זצ"ל געדריקט אין ספר הזכרון, און פון א בריף צו א אייניקעל פון ר' יונה) [עיין בספר איש חמודות – תולדותיו של ר' מיכאל בער זצ"ל דף פ"ב איך שבפורים אחד כשנתודע לו אודות גזירה חדשה שבא לחדרו של ר' יונה וסיפר לו בבכי מר את כל אשר נעשה].

אין ספר דברי יונה (ח"ב, בזכרונות של צדיק) ווערט דערציילט, אז זיין רבי דער נייטרא רב ר' שמוא' דוד זצ"ל פלעגט אסאך גיין שפאצירען מיט ר' יונה, כדי צו שמועסען מיט איהם, אבער היות ר' יונה האט נישט געקענט גיין אויף זיינע פיס, פלעגט איהם זיין רבי פירען מיטען ווילטשער, און די תלמידים פלעגן קוקען מיט התפעלות, ווי אזוי דער רבי פירט זיין יונגע תלמיד.

## די מלחמה יארן – נס בתוך נס

יעדער איד וואס האט דורגעמאכט די צווייטע וועלט מלחמה, איז דורכגעגאהגען מורא'דיגע נסים, אבער ווער וואלט זיך פארגעשטעלט, אז א איד וואס האט נישט געקענט גיין אויף זיינע פיס, זאל זיין מעגליך דורכצולעבן, די קאנצעטראציע לאגערן, דאס איז שוין געווען, א נס בתוך נס, ווייל די ערשטע וואס די רשעים ימ"ש האבען גע'הרג'ט, איז געווען די וועלכע זענען געווען קראנק, אדער שוואך צו ארבעטן, און פונדעסטוועגן איז ער געבליבן לעבן, מוז דאך זיין אז עס איז געווען א באזונדערע השגחה, אז ער זאל איבערבלייבען כדי צו ערציען א פרישע דור.

**און אזוי שרייבט זיין ידיד דער נייטרא רב ר' שלו' משה זצ"ל: און יעצט הערט זיך צו, ווי אין דעם פינסטער האט די רבש"ע געוויזען אז אלס איז בהשגחה פון אויבען, און ווען ער האט געוואלט ער זאל בלייבען לעבן פאר די קומענדיגע דורות, האט געקענט זיין אין די גרעסטע סכנה, און אין א מצב וואס בדרך הטבע וואלט ער נישט געקענט ווערן געראטעוועט, און פונדעסטוועגן איז ער געראטעוועט געווארען נס בתוך נס, איז דער אדם גדול איבערגעבליבען פאר אונזערע ישיבה, וואס ער איז געווען דער רוח החיים אירע פון דער אנפאנג התייסדות פון די ישיבה, ביז זיין לעצטע אטעם, און פאר די נייער דור, וואס ער האט מדריך געווען נישט צו ווערן איינגעזונקען אין די עולם הזה פון אמעריקא, עד כאן.**

**עס איז כדאי צו ברענגן אראפ א בריף וואס הגה"צ ר' מיכאל בער וייסמאנדל זצ"ל האט געשריבען צו אן עסקן, ווי מען זעט ווי וויכטיג ר' מיכאל בער האט געהאלטען עס איז צו ראטעווען ר' יונה, און אזוי שרייבט ער: עס איז דא א בחור ביי אונז אין ישיבה, א גאון בתורה, און א צדיק בדרכיו, ער הייסט ר' יונה פארסט נ"י פון וויען, און ער איז א חולה אויף זיינע פיס..... און אויב דו וועסט קענען ראטעווען דער בחור דעם צדיק אויף דעם וועג, בין איך פארזיכערט, אז דו האסט געטון א זייער גאר גרויסע צדקה, און ביסט כדאי צו א חלק אין עולם הבא אסאך מער ווי דו וואלסט געטון פאר מיר און מיין משפחה, ווייל עס איז נישט דא נאך איינער ווי זיין אפשאצונג, עד כאן. און די ווערטער רעדן פאר זיך אליינס.**

## רואה ואינו נראה

און אנפאנג פון די מלחמה האט ר' יונה באקריגען א נאמען פון א רואה ואינו נראה, ווייל ווען די רשעים ימ"ש פלעגן קומען זיכען אין ישיבה כאפען תלמידים, און אלע זענען געלאפען זיך גיין באהאלטען, האט אבער ר' יונה נישט געקענט לויפען, און פונדעסטוועגן האט מען איהם נישט געכאפט - דאס איז געווען די ערשטע נס.

און עס איז כדאי מען זאל אראפברענגען וואס ר' יונה האט געשריבען אין די גליון ישיבתינו זכרונות פון די מלחמה יארען, ווי ער פארציילט וועגן זיין חבר הקדוש יעקב לעווי הי"ד, וואס ווי ר' יונה שרייבט אויף איהם איז ער געווען עתיד צו זיין פון די גדולי הדור, שרייבט ר' יונה, אז איינמאל ווען די רשעים ימ"ש זענען געקומען כאפען

מענטשען, זיי זענען אריינגעקומען פון די מזרח טיר, מיט קולות, און אלע בחורים זענען אנטלאפען דורך די מעריב טיר, אבער איך בין געבליבען אליינס אין בית המדרש ווייל איך האב נישט געקענט אוועקלויפען, און פלוצלינג זע איך ווי אזוי דער בחור יעקב לעווי, לויפט צו מיר, און דעקט מיך צו, מיט זיין גאנצע גוף, מיך צו באשיצען פון די פארשאלטענע גארדיסטים, וואס נאר קוקענדיג אויף זייער פנים, זענען געווען גענוג צו פארגליווערען יעדער טראפען בלוט אין די מענטש, און זיי האבען געקוקט, און זענען זיך אוועק, איך געדענק נישט אפילו אויב איך האב איהם באדאנקט אויף זיין מסירות נפש, אבער אויף די סארט קושיות איז נישט דא קיין צאל.

## צווישן די גרעניצן

נייטרא איז געווען אין די מדינה פון טשעכאסלאוואקיא, און די רשעים ימ"ש האבען צעטיילט די לאנד אין האלב, איין האלב האבען זיי געגעבן פאר אונגארן, און די אנדערע האלב האבען זיי געהאלטען פאר סלאוואקיא אונטער די דייטשער רעגירונג, האבען די רשעים ימ"ש געקומען אין איין שבת נאכט, און געכאפט אלע וואס זענען נישט געווען קיין סלאוואקישע בירגער, און מען האט זיי אלעמען געלייגט אויף טראקס, און זיי געפירט אונדרויסען פון די גרעניץ אויפען פעלד, און די רשעים האבען זיי באפוילען אז זיי זאלען גיין צו אונגארען, און פארשטייט זיך אז אונגארען האט זיי נישט אריינגעלאזט, און אזוי זענען די אידען געבליבען נישט אהער און נישט אהין, צוריסען און צושלאגען פוןביידע זייטען.

אבער גאר אין א געפערליכע צושטאנד איז געווען ר' יונה, וואס זייענדיג א בירגער פון עסטרייך, [וויען איז געווען אין עסטרייך] נישט פון סלאוואקיא האט מען אויך איהם פארטריבען אינדרויסען פון גרעניץ, און ווי נאר די רשעים פלעגן קומען און אלע פלעגן אנטלויפען דא און דארטען, האט אבער ר' יונה נישט געקענט לויפען, איז ער כסדר געכאפט געווארען פון ביידע זייטען פון די גרעניץ, ווי מען האט איהם אנגעמאכט גרויסע צרות, איז דעמאלס האט זיין רבי דער נייטרער רב זצ"ל און צוזאמען מיט ר' מיכאל בער זצ"ל געטון גרויסע השתדלות אין פרשבורג, און מיט אסאך שוחד געלט האבען זיי באקריגען א באזונדערע רשות פון די הויכע פענסטערס, אז ר' יונה זאל קענען בלייבען אין סלאוואקיא, און דאס האט איהם באשיצט כמעט ביזן סוף – און דאס איז געווען די צווייטע נס.

## באהאלטן ביים גר

ווען עס איז אנגעקומען דעם דאנערשטאג פאר סליחות שנת תש"ד לפ"ק, און די רשעים ימ"ש האבען געמאכט דעם לעצטען גירוש, פון נייטרא, ווי זיי האבען אויסגעליידיגט אלע אידען, און קיינער האט שוין נישט געמעגט בלייבען אפען אין שטאט, האט זיך ר' יונה באהאלטען , ביי א גר מיט דעם נאמען פריקריל, וואס האט געוואינט אויף זיינע ערשטע פאפירען ווען ער איז נאך געווען א גוי – דאס איז געווען דער דריטער נס.

## משתתף בצרת ישראל

זיין ידיד דער נייטרא רב ר' שלו' משה זצ"ל האט געשריבען, אז ער האט ביי זיך אסאך בריפען וואס ר' יונה האט געשריבען צו פארשידענע חברים וואס האבען זיך באהאלטען אין שטאט, און ער האט זיי געשיקט געלט, ווייל זיינע עיקר מחשבות זענען נישט געווען אויף זיך, נאר ווי אזוי מען קען ארויסראטעווען און ארויסהעלפען וואס מער מענטשען.

איינער פון די בריפען וואס ער האט געשריבען וואס מיר האבען, שטייט בתוך הדברים: איך בין נאך גאנץ מבולבל פון די פארשידענע ידיעות, יעצט האב איך ערהאלטען תפילין, אויך איין סידור, פאר אייך, אויך צוויי טויזענט..... מען מוז יעדער אידיש נפש מציל זיין, מען ווייסט דאך נישט דער המשך פון דעם ביטערען גלות, אז מען זאל חס ושלום נישט שטעקען בלייבען ודי למבין..... בודאי שמעתם שבעוונותינו הרבים אז מען האט געכאפט ווידער איין בונקער מיט זעקס נפשות, [נאכדעם איז ער מייעץ ווי אזוי צו מאכען א ברכה אין דער מצב ווי זיי זענען געווען, מיט גילוי ראש, אדער פאר א צלם, אדער אויף מאכלות אסורות וואס עס איז געווען א שאלה פון פיקוח נפש, און ער ענדיגט דער הדרכה מיט עניוות ווערטער: וואס קען איך אייך עצה געבן טייערע בחורים, און איך בין ליידיג פון חכמה און יהדות, ה' ירחם עלי בתוך כל כלל ישראל].

איך בעט אייך מען זאל זיך זייער פלאגען וואס מען קען טון, כי הסכנה גדול מאוד בפרט עכשיו, די רשעים ארבייטען מיט די לעצטע כוחות, מפרכס הרי הוא כחיה, ה' יתן לנו רחמים אויסצוהאלטען ביז משיח צדקינו, מיר זאלען האבען די זכי' זיך צו פרייען מיט אחינו בני ישראל הקרובים והרחוקים, ווייל מיר זענען אלא איין גרויסע משפחה, בני איש אחד אייניקלעך פון אברהם יצחק און יעקב, וה' הטוב יציל את נפשותינו מכל רע ורשע כדי מיר זאלען נאך קענען טוען די רצון ה' בלב טהור ונפש חפיצה כאות נפשכם הטהורה ונפש ידידכם הדורש שלומכם באהבה עזה – דאס זענען חלקים פון די בריף, וואס ברענגט ארויס וויפיל ער האט זיך משתתף געווען בצרתן של ישראל.

הרה"ח ר' יעקב לייב שפיטצער שליט"א דערציילט: אז מען האט געפרעגט ר' יונה אין די מלחמה יארען, ווי אזוי קען מען זאגען ביים דאווענען די טעג, הבוחר בעמו ישראל באהבה, ווי זעט מען דעם אהבה, האט ר' יונה געענטפערט: נו, וועם דען האט ער ליב, דעם רוצח? מיינענדיג ארויסברענגען אז אודאי אפילו אין דעם מצב האט די רבש"ע ליב די אידען, און אלס איז מתוך אהבה.

## אין שפיטאל צווישן די לאגער

אזוי איז ער געווען באהאלטען ביי דעם גר, ביז מען האט איהם געכאפט דארטען, און מען האט איהם געשיקט צום לאגער אין סערעד, און בדרך נס האבען זיי איהם צורו געלאזט דארטען, אבער מיט א קורצע צייט שפעטער, האט מען איהם איבער געפירט צום לאגער אין טערעזינשטאט, און מען האט איהם געשיקט דארטען אן זיין וועגעלע [ווילטשער], ווייל זיי האבען געזאגט אז פארוואס דארף ער עס האבען, אז מען גייט איהם ממילא הרג'ענען ווען ער קומט אן דארטען, וויבאלד ער קען דאך נישט ארבעטן.

אבער דא איז געשען די פערטע נס, אז אנקומענדיג צו טערעזינשטאט, איז אנשטאט פון שיקען צום טויט, האבען זיי איהם געשיקט צום שפיטאל פון לאגער, ווי דארטען האבען זיי געשיקט מענטשען, וואס האבען געקענט בעסער ווערן, און נאכדעם ארבעטן אין לאגער, און יעדער וואך פלעגן די רשעים ימ"ש קומען באזוכען די שפיטאל, צו זען ווער איז גענוג געזונט צו גיין צום ארבעטן, און פארקערט, אז ווער זיי האבען געהאלטען איז צו שוואך, האבען זיי באלד גע'הרג'עט.

און דא איז געשען די פופטע נס, און אפשר די גרעסטע, אז די דאקטוירים וואס זענען אליינס געווען רוצחים, האבן ליב באקריגען ר' יונה, און ער האט מוצא חן געווען ביי זיי, ביז זיי האבען זיך מוסר נפש געווען פאר איהם, אז יעדער וואך ווען די רשעים זענען געקומען באזוכען די שפיטאל, האבען די דאקטוירים באהאלטען ר' יונה פון די רוצחים, כאטש וואס עס האט זיי געקענעט קאסטען דעם לעבן, און אזוי איז ער אפגעהיטען געווארען ביז די סוף פון די מלחמה – אזוי אז מען האט ממש געזען ווי אזוי די רבש"ע היט איהם אפ אויף יעדער שריט און טריט.

## זהירות הכשרות מיט חסד

דארטען אין שפיטאל פלעגט מען אויסטיילען פאר די חולים אביסל פלייש און פעטנס, אזאך וואס מען האט בכלל נישט געזען אינדרויסען פון שפיטאל, אין די לאגערן, אבער ר' יונה האט בשום אופן זיך נישט געוואלט מטמא זיין מיט מאכלות אסורות, און ער פלעגט נאר עסן ברויט מיט ווארעם וואסער. איז וואס האט ער געטון מיט די עסן? האט פארציילט א פרוי צום נייטרא רב ר' שלו' משה זצ"ל אז זי פלעגט קומען יעדער וואך אין שפיטאל נעמען די עסן פון איהם, און מיט דעם האט זי זיך מחיה געווען. און אזוי זענען געווען פארשידענע מענטשען וואס האבען הנאה געהאט פון איהם, וואס ער פלעגט באקריגען פון צייט צו צייט פון די דאקטוירים פארשידענע עסען.

## נאך די מלחמה

ווען די מלחמה האט זיך געענדיגט, איז ער אנגעקומען קיין פרעשבורג, ממש א גל של עצמות, זיינע חברים האבען ממש נישט געקענט גלייבען אז ער לעבט בכלל. אבער פון די אלע מלחמה יארן איז ער געווען מורא'דיג אפגעשוואכט, און ער האט געדארפט אריינגיין אין שפיטאל דארטען אין פרעשבורג, און צוביסליכווייז איז ער צוריקגעקומען צו זיינע כוחות, ביז ער איז צוריק געקומען צו נייטרא.

## אריינבלאזן רוח החיים אין די יתומים

באלד האט ער זיך אריינגעווארפען אין די עבודת הקודש, צו מחזק זיין, דערמוטיגען און שטארקען די יוגענט, בפרט די וואס זענען געבליבען איינער אליינס אויף דער וועלט, אן טאטע מאמע, אן אויף וועמען זיך צו פארלאזען, און געווען אדורכגענומען מיט יאוש, אן קיין שום האפענונג, האט ר' יונה זיי אריינגענומען אונטער זיינע שאטען, ער האט גערעדט צו זיי דברי חיזוק, און ער האט אריינגעבלאזען א פרישע חיות און נשמה אין זיי, און ער איז געווען ווי א טאטע פאר זיי אין אלע גשמיות'דיגע און רוחניות'דיגע באדערפענישען.

## צוריק אויפמאכן די נייטרא ישיבה

אין ספר איש חמודות (דף רי"ד) ווערט געברענגט ווי איין תלמיד האט דערציילט, וועגן דעם מצב נאך די מלחמה, וואס א חלק פון נייטרע תלמידים זענען צוריקגעקומען צו נייטרא, אבער די רושם פון די צרות זענען געווען ניכר אויף זיי, און מען האט זיך פרובירט משמח צו זיין מיט נארישקייטען, ביז איינמאל האט ר' יונה אונז אלעמען צוזאמען גערופען פאר אן אסיפה, און ער האט אנגעפאנגען מיט א בריף וואס איז

אנגעקומען פון ר׳ מיכאל בער, ווי ער בעט למען ה׳ ותורתו זיך צו מחזק זיין און זיך שטארקען, און זיך צוזאמען נעמען צו אן אגודה אחת צו לערנען אין בית המדרש צו לערנען תורה בהתמדה, ווי פארען מלחמה, און וויבאלד ר׳ יונה האט געענדיגט צו ליינען די בריף, האט ר׳ יונה באלד אנגעפאנגען מיט עצות ותחבולות, און ער האט אויסגעטיילט פאר יעדער איינעם א תפקיד כדי צו ארוסברענגען דעם ענין מכח אל הפועל. און תיכף ומיד האט מען אנגעפאנגען מיט די לימודים, און די נייטרע רב און ר׳ יצחק זאב מייער, צוזאמען מיט ר׳ יונה האבען געגעבען שיעורין כסדרן, און אזוי האט זיך געבויט די ישיבה פון דאסניי, עד כאן. [אין די הקדמה פון ספר משאת משה, פון נייטרער רב ר׳ שלו׳ משה זצ"ל ווערט ארויסגעברענגט, ווי אזוי ר׳ יונה מיטען נייטרער רב האבען צוריק געבויט די ישיבה האנט ביי האנט צוזאמען].

## שלוחא דרחמנא צו ערציען א נייעם דור

הגאון ר׳ אברהם חיים שפיטצער ז"ל האט געזאגט ביים הספד: עס איז ידוע אז ווער עס איז געווען אונטער די רשעים ימ"ש אין די לאגערן, איז די תקופה פון נאכען באפרייט ווערן, געווען אסאך ערגער בנוגע עניני מידות און דרך ארץ, ווי אלס האט זיך געפירט אן א סדר, מיט א פריקת עול אן קיין מנהיג, האט ערשט דעמאלס ארויסגעשיינט די כח פון די גדולי ישראל, וואס די רבש"ע האט זיי איבער געלאזט, און פון די גרויסע געשטאלטען האט זיך ארויסגעוויזען דעם צורה און שיעור קומה פון ר׳ יונה, וואס ער איז געווען א שלוחא דרחמנא צו ערציען דורות און צו איינפלאנצען אין זיי תורה, יראת שמים און מידות טובות, און הכנעה צו מקבל זיין עול מלכות שמים, און די עול פון חכמי הדור, און ווער ווייסט וואס וואלט געשען מיט אונז, אויב מיר וואלטען נישט געטראפען דעם רבי׳ן ר׳ יונה, וואס האט מצליח צו טרעפן א גלייכען שפראך מיט יעדן איינעם פון אונז, און פארשטיין דעם הארץ און נפש פון יעדעם איינעם, צו דאס איז געווען א חסידישער בחור, אן אשכנזישער בחור, צו אן אמעריקאנער בחור, און אלס מיט א פשטות, און א ענות חן און השכל ודעת, עכ"ד.

## די ישיבה אין קארלסבאד

ר׳ יונה האט יארען שפעטער געשריבען אן ארטיקעל בעילום שם [אן שרייבען זיין נאמען] אין די גליון ישיבתינו פון די נייטרא ישיבה [קונטרס ז׳ אלול תשל"ז לפ"ק] וועגן זיינע זכרונות פון די אנטוויקלינגען פון די נייטרער ישיבה, יענער יארען, און אזוי האט ער געשריבען [חלקים האבען מיר צוגעלייגט פון ווי עס איז געברענגט אין דברי יונה ח"א דף רכ"ו]: איך וועל פרובירען צו מלקט זיין פון מיין זכרון אפאר זאכען, פון דער צייט וואס די ישיבה האט אפגעלאזט אייראפע, ביז איהר אנקומען צו אמעריקא [ווייל זיי האבען נישט געקענט בלייבען אין נייטרא, וויבאלד די אנטיסעמעטיזם – די שנאת ישראל איז געווען זייער גרויס]. מיר זענען ערשט אנגעקומען צו קארלסבאד [וואס איז געווען א פלאץ ווי קראנקע פלעגן קומען זיך אויסהיילען אין אירע בעדער, און עס איז געווען אין טשעכאסלאוואקיי], מיט בערך זיבעציג בחורים, און אפאר יונגעלייט מיט זייערע משפחות, און וויבאלד עס איז געווען שווערקייטען, מיט מסדר זיין די פאפירען, אויף וויזעס קיין אמעריקא, האט מען געדארפט ווארטען ביזדערווייל אויפען וועג.

## שמירה אויף קדושה אין שמירת עינים

דארטען אין קארלסבאד, האט מען זיך באזעצט אין פראכטפולע האטעל, [ווייל די אמעריקאנער דזשוינט – וואס איז געווען אן ארגעניזאציע צו העלפען די פליטים פון די מלחמה - האט אויסגעצאלט די אלע הוצאות, אבער אין דברי יונה, ווערט געברענגט אז דאס האט פאסירט אין די שטעטל אראד] און דעמאלס איז אנגעקומען מרן ר׳ מיכאל בער זצ"ל צו אונז דעם ערשטען מאל נאכען מלחמה, פון אמעריקא, [ווי ער האט אנגעגרייט א פלאץ פאר אונז אין סאמערוויל נויא דזשוירזי, זיך צו באזעצן]. וויבאלד ר׳ מיכאל בער איז נאר אריינגעקומען אין יענער שטאק ווי דער ישיבה איז געווען אין האטעל, האט ער באלד גע׳פסק׳ענט, אז מען קען דארטען נישט בלייבען אפילו איין מינוט, וויבאלד עס איז דארטען געווען אנדערע מענטשען, וואס האט געמאכט שווער זיך אפהיטען אין די גדרי הצניעות בשלימות, נישט פאסיג פאר ישיבה בחורים, האט ער באלד געזוכט מסדר זיין די ישיבה אין א צווייטער פלאץ, וואס טראץ אז דארטען איז נישט געווען מיט די באקוועמלעכקייטען און די גשמיות ווי דער פריערדיגע האטעל, אבער די נסיונות צום נשמה האט מען דארטען נישט געהאט, און יעדער בחור איז ביי ר׳ מיכאל בער געווען ווי א דיימאנט, וואס מען דארף איהם אפהיטען מיט אלע שמירות.

## ימים נוראים אויפן וועג

שבת פאר סליחות אין שנת תש"ו לפ"ק, האט ר׳ מיכאל בער גע׳דרש׳נט פאר די בחורים מיט בכיות און דמעות שליש, צוזאמגעפלאכטען מיט דברי חיזוק און נחמה. נאך ראש השנה תש"ז, זענען מיר געפארען מיטען באן, דורך די געשאלטענע דייטשלאנד, און דארטען אין נירנבערג האבען מיר געהערט, ווי אזוי מען האט פאר׳משפט אפאר פון די גרויסע רוצחים צו הענגען – און אזוי איז דאס די יושר פון דעם עולם השקר, זעקס מיליאן אידען האט מען גע׳שחט׳ען, און מען הענגט נאר אפאר רוצחים, אבער מיר גלייבען אז עס ווערט אוודאי נתקיים ווערן דעם פסוק כי דם עבדיו יקום ונקם ישיב לצריו, אז די רבש"ע וועט נקמה נעמען פון יעדער שטירעל אידיש בלוט וואס איז פארגאסען געווארען.

מען קען נישט אריינלייגען אין ווערטער אונזער מצב הרוח דעמאלס, איך געדענק נישט אויב מען האט געמאכט א ברכת הגומל, אויך געדענק איך נישט אויב מען האט זיך געפירט אבילות אויפען עלטערען, לכל הפחות ווי א שמועה רחוקה, אבער אן ווערטער האט יעדער פארשטאנען וואס עס טוט זיך אין זיין חבר׳ס הארץ. מען האט גערעדט – אן א קול, מען האט געהערט – אן רעדן, מען האט געוויינט – אן טרערן, און טראץ דעם אלעס, האט דער מלאך השכחה געטראפען פלאץ אין די צוברעכענע הערצער, די האפענונג פאר א נייעם לעבן האבען פארדעקט רוב פון די הרגשים.

אין יום הכיפורים זענען מיר געווען אין פראנקרייך, אין די שטעטל ווערסיי [אין דברי יונה שטייט: ווארסייל] וואס איז לעבן די קאפיטאל שטאט פאריס, און מען האט געדינגען צוויי שטאק אין דעם גרויסע האטעל דע נאייל, און די אונטערשטע שטאק האט מען געהאט א גרויסע מחיצה צווישען אונז, און צווישען די געסט פון די האטעל, און און אונזער חלק איז געווען מיוחד פאר לערנען און דאווענען, פאר א עס-זאל און א קאך. מען האט געלערענט אין די ישיבה פרק הכל שוחטין, און מיט א אמת׳ע גרויסע התמדה, און אפשר נאך מיט א גרעסערע התמדה ווי אונזערע ישיבות וואס זענען מסודר. וויבאלד די געסער אין פראנקרייך זענען נישט מיט די גדרי הצניעות, איז מען בכלל נישט ארויס אויף די גאס, נאר אין די שפעטערע שעות ביינאכט, ווען די געסער זענען געווען ליידיג פון מענטשען.

## התמדת התורה אויפן וועג

[אין דברי יונה זאגט ר׳ יונה: אז מען האט דארטען געלערענט מיט אזא התמדה, אז ער קען מעיד זיין, אז מען האט בכלל נישט געוויסט וואס טוט זיך אויפען צווייטען זייט פון די מחיצה, וואס עס האט זיך געטון אסאך זאכען אין דעם גרויסען האטעל, און הגם אז די מענטשליכע שכל וואלט געזאגט אז מען דארף אביסעל רחמנות האבען אויף די יונגע תלמידים, וואס זענען ערשט נאר ארויס פון די שרעקליכע גיהנם פון די לאגערן, און עס וואלט געדארפט זיין גענוג, אז מען זאל לערנען אפאר שעה ביי טאג, און די איבעריגע צייט זאל מען זיך פארברענגען, כדי זיך צו בארוהיגען, אבער די שכל התורה האט געזאגט פארקערט, אז עס איז נישט דא קיין אנדערע עצה ווי יגיעת התורה מיט אלא רמ"ח איברים און שס"ה גידים. און ר׳ מיכאל בער וואס איז געווען א רחמן נישט דא קיין גלייכען, און איך געדענק ווי איך פלעג שלאפען מיט איהם ביינאכט, און יעדער נאכט האט ער געהאלטען אין איין וויינען אויף די אידישע צרות, טראצדעם האט ער פארשטאנען אז די גרעסטע טובה פאר די בחורים איז מען זאל אינגאנצען איבערגעבן פאר תורה, און נישט עוסק זיין אין קיין שום אנדערע ענין, און פונקט פארקערט פלעגט ער זאגען, אז יעצט נאך די חורבן דארף מען זיך מער אפגעבן צו לימוד התוה"ק, ווייל יעדער יחיד דארף ממלא זיין די חלל פון תלמידי חכמים וואס פעלט פון די חורבן].

אזוי איז אריבער די ימים הנוראים, די הרגש וואס האט אנגעפילט אונזערע הערצער אין די יום כיפור׳דיגע תפילות, קען שוין א גוף און א מוח וואס איז שוין מגושם געווארען איבער דרייסיג יאר אין אמעריקא שוין נישט משיג וואס דאס איז געווען. אין סוכות האבען מיר געהאט א סוכה איינס אין דער וועלט, ס׳איז געווען לאנג און שמאל, נאר יחידים האבען געגעסען אויף איינמאל.

## אנגעקומענדיג קיין אמעריקע

סך הכל זענען מיר געווען אכט וואכען אין פראנקרייך, ווייל ביים פארט אין אמעריקא איז געווען א סטרייק ביי די ארבעטארערס. ענדליך איז אנגעקומען די געווארטערטע טאג, און די דריטע טאג פון דעצעמבער זענען מיר ארויף אויף די שיף איל-דה-פרנס, וואס פלעגט פירען סאלדאטען דורך די מלחמה און דערנאך, און אין די עלעפטע פון דעצעמבער זענען מיר אנגעקומען צום פארט פון נויא יארק, און מען האט אונז גענומען מיט באסעס צו סאמערוויל נויא דזשערסי, און מיט דעם האט זיך אנגעפאנגען די לעבן פון ישיבת נייטרא אין אמעריקא - ביז דא איז די ארטיקעל, ווי ער שטעלט פאר יענע טעג פון דעמאלס.

## יד ימינו פון הגה"צ רבי מיכאל בער זצוק"ל

אין סאמערוויל איז ער געווען דער יד ימינו פון ר׳ מיכאל בער זצ"ל, און דער נייטרער רב ר׳ שלו׳ משה זצ"ל, און ער איז מיט געשטאנען מיט זיי ארויסצוהעלפען, מיט בויען די ישיבה אינדרויסען פון שטאט. ר׳ יונה האט געזאגט אין א דרשה (ספר דברי יונה עמוד קס"א): דאס מייסד זיין די ישיבה אינדרויסען פון שטאט, איז געווען פאר דער תכלית, אז מען זאל זיין ווייט פון ראיות אסורות. און אלע האבען גע׳טענ׳עט צו ר׳ מיכאל בער אז די ישיבה וועט נישט קענען האבען קיין קיום, נאר אויב עס וועט זיין אין די שטאט ווי מענטשען וועלען זען די ישיבה מיט זייער אייגענע אויגען, אזוי וועלען זיי שטיצען די ישיבה, אבער ער האט נישט געוואלט מקבל זיין די טענה, ווייל עס איז ביי איהם געווען פשוט, אז די תלמידים מוזען זיין ווייט אוועק פון די טומאה פון די גאס, עכ"ד.

אין ספר דברי חמודות (עמוד רכ"ז) ווערט געברענגט אז די קהל עדת יראים פון וויען, האט געוואלט אז ר׳ מיכאל בער זאל ווערן זייער רב, און זיי וועלן אויך בויען א ישיבה

פאר איהם, און זיי האבען געבעטן פון ר׳ יונה אז ער זאל בעטן פון ר׳ מיכאל בער אויף דעם, אבער ווי געזאגט האט ר׳ מיכאל בער נישט געוואלט בשום אופן הערן פון דעם. נאך ווערט געברענגט דארט (עמוד ר״ל): אז ר׳ מיכאל בער האט געהאט א צימער אין בית המדרש, וואס איז נאר געווען צעטיילט מיט א דינע מחיצה, און מען האט געקענט הערן אלס וואס האט זיך געטון אין זיין צימער, און מען האט געהערט ווי ער פלעגט אסאך שמועסן מיט ר׳ יונה. [עיין שם דף שע״א, ווי אזוי ר׳ מיכאל בער האט איבערגעשמועסט שלום בית פראבלעמען פון אינגעלייט מיט ר׳ יונה, און דארטען ווערט אויך ארויסגעברענגט די נאנטקייט פון זיי ביידע, ווי אזוי ר׳ יונה האט געקענט פרעגן פון ר׳ מיכאל בער פשט אין זאכען וואס ער האט געטון, ווי עס פארציילט אז ר׳ מיכאל בער איז געווען ביי א חתונה פון א תלמיד, ווען זיין רביצען האט איהם געבוירען א קינד, האט ר׳ יונה איהם פארגעהאלטען אז היתכן ער האט איבערגעלאזט זיין ווייב אין אזא מצב, און ר׳ מיכאל בער האט געענטפערט: ווי האב איך נישט געקענט זיין ביי דעם תלמיד׳ס חתונה!]

## בויען אפילו אין תשעה באב אז ר׳ יונה זאל האבן א ישיבה

נאך ווערט דארטען דערציילט (עמוד ת״א, בשם ר׳ משה יהושע הערצאג שליט״א), אז ר׳ יונה האט חתונה געהאט אין חמשה עשר באב, און ער האט געדארפט צו וואינען אין דער בנין הישיבה, און וועגן דעם האבען די ישיבה געבויט א נייער צימער פאר איהם, און ווען עס איז אנגעקומעם תשעה באב, איז דער צימער נאך נישט געווען געענדיגט, האט ר׳ מיכאל בער ארויסגערופען ר׳ משה יהושע הערצאג שליט״א, אינמיטען דעם שיעור אויף מדרש דורך הגה״צ ר׳ יהונתן שטייף זצ״ל, נאך די קינות, און ר׳ מיכאל בער האט איהם געהייסען צו ברענגען די באלקענעס און די ציגעל, וואס מען דארף צו האבען צו ענדיגען דעם צימער, האט ר׳ משה יהושע אנגעקוקט ר׳ מיכאל בער מיט א וואנדער, עס איז דאך תשעה באב היינט? און ווי אזוי מעג מען, אבער ר׳ מיכאל בער האט איהם געזאגט: דער זאך איז גאר גאר וויכטיג! און דאס ברענגט ארויס ווי ווייט ר׳ מיכאל בער האט געהאלטען די וויכטיגקייט און די חשיבות פון ר׳ יונה׳ס חלק אין די ישיבה, אז מען זאל טון דעם מלאכה אפילו אין תשעה באב.

## ר׳ יונה חתונה אין ישיבה

אין ספר דברי יונה (ח״ב – זכרונות של צדיק) ווערט דערציילט, וועגן די חתונה פון ר׳ יונה וואס איז פארגעקומען אין די נייטרא ישיבה, און ווי אזוי אלע בחורים האבען זיך געפילט ווי משפחה, און האבען געארבעט שווער אז די שמחה זאל זיין בשלימות. זיי האבען פארשידענע שטעקענעס און כלים, אז ער זאל קענען גיין צו דער חופה אויף זיינע פיס, און נאך דער חתונה האבען די בחורים איהם געטראגען אויף א שיינע בענקל צו זיין דירה, באגלייט מיט טענץ, און ר׳ מיכאל בער האט גרויס הנאה געהאט וואס די בחורים האבען אוועקגעשטעלט.

הגאון ר׳ אברהם חיים שפיטצער זצ״ל דערציילט: אז ווען איך בין אנגעקומען יענער תקופה אין דער ישיבה, אסרו חג פסח תש״ז לפ״ק, איז נאך איידער איך האב געזען ר׳ מיכאל בער, האב איך געטראפען ר׳ יונה, און שוין האט דעם ערשטען שלום עליכם מיך באגייסטערט, און מיך אנגעפילט מיט דעם יראת הכבוד און הכנעה פאר איהם, וואס איז געבליבען מיט מיר ביז זיין לעצטען טאג, עכ״ד.

## הרה״ק מסאטמאר זצ״ל אין ישיבה אין סאמערוויל
## חביבות פון הרה״ק מסאטמאר זצ״ל צו ר׳ יונה זצ״ל

ר׳ מיכאל בער פלעגט איינלאדענען אין דער ישיבה גדולי ישראל, כדי די בחורים זאלען זיך קענען אנווארעמען אין די ערליכע אידען, [הגה״צ ר׳ יונתן שטייף זצ״ל פלעגט קומען אין די זומער טעג, און געבן שיעורים בקביעות, און די צעלימער רב זצ״ל, אויך די סטראפקובער רבי זצ״ל, און די אמשונובער רבי זצ״ל, וואס האט געפירט טיש צוויי שבתות אין ישיבה, און גענומען קוויטלעך]. יענע יאר איז די הייליגע סאטמאר רב ר׳ יואל׳יש זצ״ל אנגעקומען צו אמעריקא, און ר׳ מיכאל בער האט איהם איינגעלאדענט, צו זיין אין ישיבה, און דער סאטמאר רב איז געקומען קיין סאמערוויל פון פסח, און געבליבען דארטען ביז נאך שבועות, און דאס איז געווען א גרויסע חיזוק פאר די צובראכענע בחורים, צו פארברענגען אין די שאטען פון דעם קדוש עליון, שבתות און די ימים טובים. און אין די וואכען האט די סאטמאר רב פארגעלערענט שיעורים. מען האט געמאכט א באזונדערע מנין פאר סאטמער רב, אין נוסח ספרד און שפעטער אין די טאג, און ווען ער פלעגט מיט דאווענען מיט די ישיבה האט ער מקפיד געווען מען זאל דאווענען נוסח אשכנז כמנהג הישיבה.

ר׳ יונה האט פארציילט, אז במשך יענע תקופה פלעגט ער שמועסן מיטען רבי׳ן גאנצע נעכט. די סאטמאר רב האט זייער מחשיב געווען ר׳ יונה און זיין עבודת הקודש מיט די תלמידים און די כלל. הגאון ר׳ אברהם חיים שפיטצער האט פארציילט: ווי ער געדענקט אז יעדער מאל דער סאטמאר רב איז ארויס פון ישיבה, מיט וואס פארא ליבשאפט ער פלעגט זיך געזעגענען פון ר׳ יונה, און איינמאל פאר ער איז ארויס האט ער זיך אפגעשטעלט און געשמועסט מיט ר׳ יונה, און דער רבי האט זיך אנגערופען צום סוף: ר׳ יונה, איך האף אז די אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלען קענען צוזאמען גיין אקעגן משיח׳ען, און די וועסט גיין אליינס מיט געזונטע פיס. עס איז דא א בריף ווי סאטמאר רב האט געטיטולט ר׳ יונה: חסידא ופרישא. מען דערציילט, אז ווען מען האט געפרעגט ר׳ יונה וועגן דעם טיטול וואס סאטמאר רב האט איהם געשריבען, האט ר׳ יונה זיך אויסגעדריקט מיט זיין פשטות: יא, סאטמאר רב האט געזען א צובראכענע איד אויף א ווילטשער, האט ער איהם געוואלט מחזק זיין, האט ער געשריבען שיינע טיטלען, (געזאגט ביים יארצייט סעודה אין וויליאמסבורג תשע״א לפ״ק דורך הג״ר אלי׳ קרויס שליט״א ר״מ ישיבת אהל תורה, און ר׳ אלי׳ האט זיך אויסגעדריקט: אבער מיר האבען געוויסט אז ווער נאך ווי ר׳ יונה איז געווען א חסידא ופרישא).

אויך אין די שפעטערע יארען פלעגט ר׳ יונה פארען צום סאטמאר רב. עס דערציילט הגה״צ ר׳ משה לייב הורוויץ שליט״א די סטריזובער רב, אז ער איז אמאל געווען איינער פון די חנוכה נעכט ביים הדלקת נירות פון סאטמאר רב, און ר׳ יונה איז אנגעקומען, און ווען די רבי האט געזאגט זיין פלפול, האט ר׳ יונה אריינגעפרעגט אינמיטען, וואס מען איז נישט געווען צוגעוואינט צו דעם ביים טיש, אבער די רבי האט מפסיק געווען און זיך מפלפל געווען מיט ר׳ יונה.

אין דברי חמודות (עמוד רל״ה) ווערט פארציילט, אז נאך שבועות איז א גביר מיט זיין נייער קאר צו אוועקפירען דעם רבי׳ן, איז איינער פון די בחורים האבען געטון א ווילדע מעשה, ער האט ארויסגענומען א חלק פון די מאטאר פון קאר, אז דער רבי זאל נישט קענען אוועק פארען, און דער דרייווער האט נישט געקענט אנצינדען דעם קאר, האט זיך ר׳ יונה אנגערופין צום רבי׳ן: זעט זיך אויס אז פון הימעל וויל מען אז די רבי זאל בלייבען א ביסעל לענגער מיט אונז, ביז מען האט געבעטען אז דער בחור זאל שנעל צוריקלייגען דעם חלק, און מען וועט איהם נישט מעניש זיין.

## ישיבה ציט זיך אריבער קיין מאונט קיסקא

די פלאץ אין סאמערוויל איז געווען זייער ענג, ווי ר׳ יונה האט פארציילט אין א דרשה (דברי יונה דף קפ״ו): אז די שטוב איז געווען צו קליין צו האלטען אלע תלמידים, די בית המדרש און די עסזאל זענען געווען אין איין פלאץ, און ווען מען האט געענדיגט עסען, האט מען איבער געדרייט די עסזאל צו א בית המדרש, און זיך גענומען לערנען, עכ״ד. איז ר׳ מיכאל בער האט דעמאלס מיט גרויס סייעתא דשמיא באקריגען דעם פלאץ אין מאונט קיסקא, ווי ר׳ מיכאל בער האט פארציילט דעם השתלשלות צו ר׳ יונה, ווי עס איז געברענגט אין דברי חמודות (עמוד רנ״ב). און דעמאלס האט זיך אנגעפאנגען די תקופה פון די נייטרא ישיבה אין מאונט קיסקא, וואס שטייט נאך ביזען היינטיגען טאג, מיט א ישוב, פון משפחות וואס וואינען אינדרויסען פון שטאט על טהרת הקודש.

ר׳ יונה האט פארציילט, אז פאר מען האט זיך ארויסגעצויגען פון סאמערוויל, האט ר׳ מיכאל בער געהאלטען א דרשה און געזאגט: דעם פלאץ ווי מיר גייען דארטען, איז געבויט געווארען דורך א מענטש מיט איין כונה, פאר עניני גשמיות, ממילא דארפען מיר זיך אנגארטלען אז מיר זאלען קענען דאס איבערדרייען פאר א מקום תורה, (דברי יונה דף קפ״ז). און מיט דעם כונה זענען זיי געפארען צו מאונט קיסקא.

## קשר פון ר׳ יונה זצ״ל מיט הרה״צ מיכאל בער זצוק״ל
## אין מיט הרה״צ מנייטרא זצוק״ל

א שטיקעל מושג פון די שטארקע קשר וואס ר׳ יונה האט געהאט צו ר׳ מיכאל בער, קען מען זען פון א בריף וואס ר׳ יונה האט געשריבען צו הרבני ר׳ מנחם משה פעלזענבורג ז״ל, וואס איז געווען די עמוד התוך פון די בעלי בתים פון די נייטרא ישיבה, און אזוי שרייבט ר׳ יונה – אין די תקופה פון נאך די מלחמה, ווען ר׳ מיכאל בער איז געווען אין אמעריקא ביי ר׳ מנחם משה, און די ישיבה איז נאך געווען אין אייראפע: מירווארטען טאג נאך טאג צו הערן פון איהם (ר׳ מיכאל בער) און ווי אזוי ער שפירט זיך, עס איז אונז געווען א יום טוב ווען מיר האבען געהערט אז זיין מצב אין געזונט האט זיך פארבעסערט, אבער אונז האבען א גליסטעניש צו הערן מער בפרטיות, איך ווייס דו ביסט פארנומען, אבער אפשר קען זיינע א באקאנטע נעמען אויף זיך דעם גרויסע מצוה, אונז צו לאזען הערן שטענדיג פון וואס הערט ביים צדיק ר׳ מיכאל בער שליט״א, איך קען דיך נישט פארשטעלן, וויפיל איך און אלא תלמידים זענען תלוי אין איהם, עכ״ל. [דברי יונה דף תנ״ד].

צו פארשטיין דאס נאנקייט פון ר׳ יונה מיטען נייטרא רב אלס ידידים און צוזאמען ארבעטן אין די ישיבה, קען מען זען פון די ווייטאג און די צובראכענע הארץ ער האט מספיד געווען ר׳ יונה ביי די לויה, מיט וואסערע בכיות נוראות ער האט געוויינט, און מען וועלן אראפברענגען אפאר ווערטער וואס ער האט געזאגט ביים לויה: ווען איך טראכט וועמען איך גיי מספיד זיין, ברענט מיין נפש אין מיר ווי א פייער (ער האט אנגעפאנגען מיט דער פסוק אין תהלים פרק ל״ט, ג׳-ד׳, בהגיגי תבער אש וגו׳)..... דער צער איז נורא נוראות, ווער נאך ווי מיר דארף צו וויינען אויף דעם גרויסע אבידה, ווען קרוב צו פופציג יאר זענען מיר געווען צוזאמען, ער איז מיר געווען א ידיד נאמן, אין אלע צרות וואס איז אריבער אויף מיר, האט ער זיך מצער געווען צוזאמען מיט מיר, און אלע מיינע שמחות האט ער זיך געפרייט מיט מיר, א אמת׳ע ידיד.

די נביא זאגט (איכה פרק א׳, פסוק ט״ז) על אלה אני בוכיה עיני עיני יורדה מים, לענינינו קען מען זאגען, אז נאך די ביטערע חורבן פון די צוויטע וועלט מלחמה זענען מיר געבליבען מיט צוויי אויגען, די עיני העדה, ר׳ מיכאל בער, און ר׳ יונה, און נאך די

הסתלקות פון ר' מיכאל בער, איז דער וועלט פינסטער געווארען פאר מיר, אבער איך האב נאך געהאט א נחמה, מיין מנחם וואס איז איבערגעבליבען – ר' יונה, אבער יעצט זאג איך על אלה אני בוכיה, וועו עיני עיני – צוויי עינים יורדה מים, אז יעצט בין איך געבליבען אן די צוויי עינים, כי רחק ממנו מנחם משיב נפשי, דער משיב נפשי האב איך שוין נישט.... עד כאן די אנפאנג הספד, ווי מען זעט וואס ר' יונה האט געמיינט פאר איהם.

## די יונגע פטירה פון הרה"צ מיכאל בער זצוק"ל

ו' כסליו עש"ק פרשת ויצא תשי"ח לפ"ק, איז געווען א ביטערע טאג פאר נייטרע תלמידים, ווען הגאון הצדיק ר' מיכאל בער זצ"ל איז נפטר געווארען, אין יונגע עלטער פון פיר און פופציג יאר, נאך ליידען אויפען הארץ. ר' יונה האט געשריבען אין דער גליון ישיבתינו: ווען די תלמידים און גוטע פריינד פון בית נייטרא, און פון מרן ר' חיים מיכאל דוב זצ"ל, זענען געקומען צוריק פון בית החיים, איז דער וועלט געווארען פינסטער פאר זיי, זיי האבען געמיינט, געטראכט, און געציטערט אז אפשר איז ח"ו אלץ פארלוירען, די שיף איז איינגעזונקען, עס איז געווען אומזיסט די אלע הארעוואניע און מיטשערניש, די טרערן וואס זענען איינגעפלאנצט געווארען אין דעם הייליגען בית, וואב ווערט אנגערופען ישיבת נייטרא, עס איז בטל געווארען דער האפענונג אז זייערע קינדער און אייניקלעך זאלען לערנען תורה, אין דעם פלאץ וואס יעדער ווינקעל דערמאנט דעם גאלדענע קייט פון מרן אונזער רבי פון נייטרא, און זיין גרויסע און תלמיד מובהק מרן ר' חיים מיכאל דוב זצ"ל, אבער חסדי ה' כי לא תמנו, דער זכות פון די צדיקים נוחי עדן, און די זכות הרבים זענען בייגעשטאנען דעם בית מקדש מעט, און אונזער תפילה צום רבש"ע וואס האט משפיע געווען זיין חסד אויף אונז פון דעמאלס ביז היינט, זאל אטנז העלפען אויף ווייטער, און אז עס זאל נתקדש ווערן שם שמים דורך די ישיבה, אזוי ווי מרן ר' חיים מיכאל דוב זצ"ל האט מבטיח געווען, עכ"ל.

*פאר די סתימת הגולל פון ר' מיכאל בער, האט ר' יונה מספיד געווען, און תוך הדברים האט ער געזאגט: ר' מיכאל בער איך וועל מיך זארגען, איך וועל מיין גאנץ לעבן אוועקגעבן פאר די ישיבה.... אין ספר דברי חמודות (עמוד תפ"ו) ווערט דאס אראפגעברענגט, און שרייבען צו: אז אזוי האט טאקע ר' יונה געטון, וואס ער האט זיך געזארגט פאר אלע באדערפענישען פון די ישיבה, ברוחניות ובגשמיות, מיט א מורא'דיגע מסירות נפש. [בשם ר' בנימין זאב לאווי שליט"א.

*מיט א מורא'דיגע מסירות נפש – מען דארף פארשטיין, אז מען רעדט דא פון א איד, וואס האט זיך נישט געקענט אליין בארירען מיט זיינע פיס, און געזיצען אויף א ווילטשער, און געווען קראנק אויף זיין הארץ, און אין דעם מצב האט ער געטראגען אן אחריות פון א גאנצע ישיבה.

## אחריות אויף רוחניות אין גשמיות

*אחריות – וואס מיינט דאס? ערשטענס, אחריות אויף די רוחניות פון די ישיבה, פון דינגען מגידי שיעורים, און וואס די לימודים אין די ישיבה זאלען זיין, אוועקשטעלן די תקנות פון די ישיבה, און זיין משגיח אז די בחורים פירען זיך אויף ווי עס דארף צו זיין אין ישיבה, און זייער לערנען און דאווענען זענען ווי געהעריג, סיי באופן כללי און סיי באופן פרט, ווי ער פלעגט וויסען וואס טוט זיך מיט יעדער בחור בפרטיות, און ער פלעגט כסדר זיך דורכרעדען מיט די מגידי שיעורים נאכצופאלגען די דרגה פון יעדער בחור, און ער פלעגט אפילו ארויף קריכען צו דער דארמיטארי צו זען וואס דארטען טוט זיך, און דאס האט כולל געווען צו מוכיח זיין ווען עס האט אויסגעפעלט, ווייל כידוע האט ער געפירט די ישיבה ביד תקיפה, אדער מחזק זיין א בחור. און דערנאך איז געווען די שיעורים און שמועזן וואס ער פלעגט געבן יעדער וואך.

אין די ספר הזכרון לז"נ ר' יונה וואס די ישיבה האט ארויסגעגעבען ווערט געשריבען: זיינע ליכטיגע אויגען האבען אלס געזען, און ווען ער פלעגט קומען אין היכל הישיבה, איז מיט איין בליק האט ער פארשטאנען די פרטיות'דיגער מצב פון יעדער איינעם, און נאכדעם האט ער זיך ארום געדרייט אין בית המדרש, איבערלאזענדיג א ווארט דא און דארט, צו דעם בחור האט ער מחזק געווען מיט ווערטער פון אהבה און חיבה, און דעם צווייטען האט ער גע'מוסר'ט מיט דברים קשים כגידין, לויט דעם מצב, בתוכחה מגולה און אהבה מסותרת, און די ווערטער וואס זענען ארויס פון א ריין הארץ, זענען אריין אין די הערצער.

*אחריות – אויף די חלק הגשמי פון דער ישיבה, וואס ער איז געווען אריינגעטוהן אינדעם, צו מאכען זיכער אז די מגידי שיעורים ווערן באצאלט, און אלע גשמיות'דיגע צרכים פון די בחורים זאלען זיין צוגעשטעלט על צד היותר טוב, און וועגן דעם פלעגט ער זיך שלעפן מיט זיין ווילטשער ביינאכט, שעות פון טיר צו טיר, אויף טירען פון נדיבים, צו בעטן געלט פאר די ישיבה, און קריכען צו אפיסעס פון גבירים אין מאנהעטן, און ער פלעגט באקריגען בזיונות אפטמאל, ווי מען פלעגט פארמאכען טירען אויף איהם. און ער פלעגט זיצען ביי אסיפות מיט בעלי בתים יעדען וואך דינסטאג נאכט, אין די נייטרע בית המדרש מיטען נייטרא רב, ר' מנחם משה פעלזענבורג, ר' שמואל פינחס לעדערער זכרונם לברכה, און להבדיל לחיים ר' אהרן פישער נ"י, און ער האט עס נישט מוותר געווען מפני כל סיבה שהוא, חוק ולא יעבור, צו דורכרעדן די שווערע פראבלעמען פון די ישיבה, און צו מאכען געלט פאר די ישיבה, און שוויצען ימים ולילות פארען דינער פון די ישיבה.

*און דאס אלס האט ער געטון לשם שמים, אן קיין שום אייגענע נגיעות און אינטערעסען, ווייל ער האט קיינמאל נישט גענומען קיין געהאלט פון די ישיבה, און ער האט נישט געהאט אינטערעסען פון א ירושה אין די ישיבה, ווייל ער האט דאך נישט געהאט קיין אייגענע קינדער, נאר פשוט, ווייל עס איז איהם אנגעגאנגען די קיום פון די ישיבה פון זיין גרויסען רבי'ן די נייטרא רב, און פון ר' מיכאל בער, בלב ונפש, און עס זאל ווייטער אנגיין דער כבוד שמים וואס די מייסדים האבען געוואלט, און אויפדעם האט ער אוועקגעגעבען זיין דם התמצית פאר די ישיבה, ביז די לעצטע אטעם זיינע.

*הרה"ח ר' צבי דוב הלוי איצקאוויטש שליט"א שרייבט: ער פלעגט ארום גיין פאר געלט פאר די הייליגע ישיבה וואס איז געווען בבת עינו, און איך פלעג איהם טרעפן, נישט נאר איינמאל, נישט צוויימאל, נאר כסדר זען גיין צוזאמען מיט דער נייטרא רב זצ"ל אויף די 47 גאס אין מאנהעטען אין דער קאלטע ווינטער טעג, און נישט נאר אויף די 47 גאס, נאר אויך אין אלע פינף באראס.

## זיין מציאות אין דער ישיבה

זיין מציאות איז געווען די ישיבה. הגאון ר' אברהם חיים שפיטצער שליט"א האט זיך אויסגעדריקט ביים הספד: מען קען זיך נישט פארשטעלן א מציאות פון נייטרע ישיבה אן ר' יונה, די צוויי זאכען זענען געווען איינס, ר' יונה און די ישיבה, איינס אן די צווייטען איז נישט שייך, תרי רעין דלא מתפרשין.

אין א בריף צו איימיצער וואס האט איהם געצאלט שכר שדכנות שרייבט ער: די סכום פון פינעף און צוואנציג דאללער האב איך איבערגעגעבען פאר די ישיבה, איך וויס אז זיין כונה איז געווען אז איך זאל נעמען פאר מיר, אבער ברוך השם איך דארף עס נישט האבען... די ווערטער רעדן פאר זיך אליינס.

ווען די נייטרע רב ר' שלו' משה זצ"ל איז געפארען צו לאנדאן, צו זאמלען געלט פאר די ישיבה, ווען די ממשלה האט געצווינגען די ישיבה מצד די געזונט פון די בחורים צו בויען א נייע דורמיטורי, האט ר' יונה מיט זיין אחריות פאר די ישיבה, און זיין הרגש פאר זיין ידיד נפש די נייטרע רב, האט ער געשריבען א בריף צו א גביר, א ידיד זיינע פון די פריערדיגע יארען: אז די ישיבה שטייט פאר א גורל'דיגע מצב, ווי מען איז געצווינגען צו בויען דעם נייעם דורמיטורי, וואס קאסט איבער דריי הונדערט טויזענט דאלער, און אויב מען וועט עס נישט טון יעצט, איז די עתיד פון די ישיבה, וואס ר' מיכאל בער זצ"ל האט געארבעט מיט זיינע לעצטע כוחות ממש בזיעת אפים – ליגט אין סכנה, איז דער נייטרע רב האט געמוזט אינטערנעמען דעם שווערע נסיעה צו לאנדאן, כאטש וואס עס איז מסירות נפש מצד זיין שוואכע געזונד, און אויך מצד זיין איידעלקייט איז ער נישט מסוגל צו קלאפען אויף טירען פון גבירים, בעט איך פון אייך, איר זאלט געדענקען די ידידות פון שנים קדמוניות, און זען מסדר זיין אלס בכי טוב, און איך שרייב דעם זעלבען בריף צו נאך צוויי-דריי ידידים דארטען, און ס'איז בעסער אז די נייטרע רב זאל נישט וויסען פון דעם, נאר מען זאל איהם שטיין צו הילף....

הנגיד החסיד ר' ישראל זופניק וואס האט מנדב געווען די נייע בנינים פאר די נייטרע ישיבה, האט ביי די חנוכת הבית פון די בנינים אין זיין דרשה געזאגט: אז ער וויל זיין א מגלה סוד, אז אן ר' יונה וואלט דער בנין נישט געשטאנען, ווייל עס איז ר' יונה וואס האט איהם צוגעברענגט צו בויען די בנינים.

בנו חורגו הצדיק ר' שלמה זצ"ל האט דערציילט: איינמאל הושענא רבה ביינאכט, ווען אידען גייען צו בית המדרש פאר משנה תורה, אדער תיקון פאר ליל הושענא רבה, זאגט מיר ר' יונה: שלמה, קום לאמיר פארען צו מאנהעטען אין נוי יארק, טראכט איך מיר, וואס גייען מיר טון אין מאנהעטן הושענא רבה ביינאכט, אבער אז ר' יונה הייסט פארען, פארט מען, ער זיכער פארט לשם שמים פאר אנדערע יהודים, די נסיעה האט גענומען בערך א שעה, און מיר זענען אנגעקומען צו א פראכטפולע הויז, מיר האבען געקלאפט אויפען טיר, און עס איז ארויסגעקומען א איש מכובד א גרויסע גביר, און אויסגעזען ווי א בן תורה, ער האט אונז מקבל געווען בסבר פנים יפות, און געזאגט שלום עליכם ר' יונה, אבער ער האט זיך באלד אנטשולדיגט, אז ער דארף גיין זאגען משנה תורה.

ר' יונה שרעקט זיך נישט, און ער האט איהם געענטפערט, גיי געזונטערהייט צו בית המדרש, און איך ווארט פאר דיך, וואס האבען מיר געטון, מיר האבען זיך געדרייט ארום די שטוב און געשמועסט אין דברי תורה און יראת שמים, ביז דער גביר איז צוריקגעקומען, און דער גביר האט געזאגט, איך האב געמיינט אז איר ווערט נישט ווארטען פאר מיר, האט ר' יונה געזאגט, ניין, איך האב געווארטען פאר דיר, מיר זענען אריין אין שטוב פון גביר, און ר' יונה האט געשמועסט מיט איהם א לאנגע צייט, ווייל ער האט געפאדערט פון איהם א גרויסע נדבה פאר די נייטרא ישיבה, און ר' יונה האט גערעדט צו איהם מאמרי חז"ל, און געזאגט איך בעט נישט פאר מיר, נאר פאר תורה, איך בעט פון דיר יש קונה עולמו בשעה אחת, אזוי האט ער גערעדט צו איהם, כמעט ביז די פרי. איז היינט אז מען זעט אז עס שטייט א שיינע בנין ווי מען לערנט תורה יומם ולילה, ווייסט קיינער נישט וויפיל נעכט, וויפיל כוחות האט ער אריינגעלייגט אינדעם.

## ער האט נישט די זכות פון געבן פאר די ישיבה

ווען ער פלעגט אנקומען צו גבירים וואס פארמאכען די טירען אויף איהם, אדער זיי האבען איהם גארנישט געגעבען, פלעגט ער זאגען, דער יוד האט נאך נישט זוכה געווען צו האבען א חלק אין מחזיק זיין דעם הייליגען מוסד התורה, אבער נאכדעם פלעגט ער זאגען, איך האב נאך נישט גענוג געדאווענט אז דער גביר זאל האבען א זכיה צו געבן פון זיין געלט צו דער מקום קדוש.

## זיין איבערגעבענקייט אין נאנקייט צו זיינע תלמידים

הגאון ר׳ אברהם חיים שפיטצער ז"ל שרייבט: דאס איז געווען נארמאל ביי מיר, און ביי אלע תלמידי הישיבה, זיך צו מתייעץ זיין מיט ר׳ יונה, וועגן יעדער דבר גדול וקטן. און עס איז באווינדערן, וואס טראץ דעם וואס מיר אלע האבען במלוא מובן המלה, מקבל געווען מרות פון איהם, און מורא געהאט פון מיט א יראת הכבוד, פונדעסטוועגן האט זיך אפילו נישט איינער פון אונז זיך צוריקגעהאלטען, פון צו דערציילען פאר איהם אלע באהעלטענישן פון אונזערע הערצער, אפילו נאכדעם וואס מיר האבען שוין חתונה געהאט, און אוועקגעשטעלט דורות, און אויף דעם וועלן מעיד זיין אלע תלמידי הישיבה, במשך די גאנצע געבענשטע תקופה, וואס ער האט געטראגן די ישיבה, עכ"ד.

אין די ספר הזכרון שטייט: און ווי הערליך איז געווען די בילד, ווען ער פלעגט קומען זיך משתתף זיין אין די שמחה פון זיינע תלמידים, זיינע אויגען האבען געשיינט אן שיין, אן זיסקייט, חן אהבה און שמחה, מיט א קירוב הלבבות אזוי ווי ער וואלט געווען פון די מחותנים און די קרובים, און ער האט זיך געפרייט, און משמח געווען אזוי ווי עס וואלט געווען אן אייגענע שמחה, און ער האט איבערגעלאזט א ווארימע און הארציגע ברכה, פון טיפען הארץ.

עס זענען געווען בחורים אין ישיבה, וואס האבען זיך געמוטשערט אין לערנען, און זיי האבען געדארפט האבען אן יונגערמאן זאל לערנען מיט זיי, זיי ארויסצוהעלפען, פלעגט ר׳ יונה צאלען פון זיין אייגען געלט פאר אסאך בני תורה צו לערנען מיט בחורים, אן דעם וואס דער בחור זאל וויסען אז איימיצער באצאלט פאר דעם, אזוי זענען זיי אויפגעוואקסען צו זיין תלמידי חכמים.

אין דברי יונה [ה"א דף רפ"א] האט ער זיך אויסגעדריקט בתוך דבריו: איר מעגט מיך גלייבען, אז יעדער מאל וואס איך זע און הער אויף א בחור אז ער פירט זיך נישט אויף ווי ער דארף, אדער ער לערנט נישט געהעריג, פיל איך אז עס קאסט מיך דאס געזונד ממש..

דערציילט א תלמיד הרה"ח ר׳ שמוא׳ דוד גאנץ שליט"א: איינמאל בין איך געווען אביסעל פארקילט, און איך בין ארויס פרי פון בית המדרש צו גיין צו מיין צימער, און דארטען ביי די טרעפ איז געווען ר׳ יונה, האב איך זיך אויסגעדרייט און געזאגט א גוטע נאכט, האט ער מיך געפרעגט, פארוואס איך גיי אזוי פרי, האב איך געזאגט, אז איך בין פארקילט, און איך גיי שלאפען, האט ר׳ יונה געזאגט, אויב אזוי וועל איך דיך מאכען א גלעזל טיי, און עס האט מיך אנגעכאפט א ציטער, וואס! ר׳ יונה וועט מיך מאכען א טיי, און איך האב אנגהויבען ארויפצולויפען די טרעפ, אבער ר׳ יונה האט געזאגט מיט א שטארקייט, שמוא׳ דוד, קום צוריק, און ער שמייכעלט צו מיר, און פרעגט מיך: הער צו מיין קינד, ווען איך וואלט געדארפט א טיי, וואלסטו מיר דאס געמאכט? האב איך געענטפערט, אוודאי, האט מיך ר׳ יונה געזאגט "וויסען זאלסטו, מען קען נישט זיין א געבער, אויב מען איז נישט אמאל א נעמער", דאס איז איינער פון די זאכען וואס ער האט מיר אויסגעלערענט וואס איך וועל קיינמאל נישט פארגעסן.

ער איז אויך מסדר געווען שידוכים פאר זיינע תלמידים, עס האט דערציילט א איד וואס ר׳ יונה איז געווען זיין שדכן (הרב שרגא מיללער שליט"א), וואס זיין טאטע איז געווען א נייטרא תלמיד, האט ער געזאגט אז ווען ר׳ יונה האט גערופען פאר שידוך, האט מען געוויסט אז מען לייגט אלע שידוכים אין דער זייט, און וואס ער איז משדך, דאס איז דער שידוך.

עס דערציילט הרה"ח ר׳ שמואל בירנבוים שליט"א: אז ר׳ יונה האט אמאל געדארפט פארען צו מאנטריאל פאר א חתונה פון איינע פון די תלמידים, און ר׳ יונה רופט מיר צו, און זאגט: שמואל דו קומסט מיט מיר צו מאנטריאל, און איך זאג, איך קען נישט דעם חתן, אבער ר׳ יונה לאזט נישט קיין ניין פאר אן ענטפער, און איך בין מיט געפארען, און דארטען נאכען חתונה, זאגט מיך ר׳ יונה, דו בלייבסט יעצט דא, איך האב דא א שידוך פאר דיר, און אזוי איז ברוך השם געווארען מיין שידוך.

עס איז געווען א תלמיד וואס האט נישט געהאט קיין קינדער פאר אסאך יארען, און ווען די ריבניצער רבי איז געקומען קיין אמעריקא האט ר׳ יונה אנגערופען דעם תלמיד, אז ער זאל קומען מיט איהם צו רבי׳ן פאר א ברכה, און די תלמיד האט געענטפערט, אז ער איז שוין געווען ביים רבי׳ן און ער האט איהם נישט געוואלט אנוואונטשען, האט ר׳ יונה געזאגט מיט א תקיפות, קום מיט מיך און איך וועל בעטן פאר דיר, און אזוי איז געווען, אז ר׳ יונה האט געפאדערט פון רבי׳ן א ברכה פאר איהם, און די רבי האט איהם געבענשט מיט א בן זכר. [געהערט פון הרב געלבוואקס שליט"א מנהל תלמוד תורה תפארת תורה בלייקוואד, וואס איז געווען ביי דעם ברית, וואס איז א קרוב זיינע, און די ריבניצער רבי איז געווען די מוהל].

הרה"ח ר׳ שמואל דוד הערצאג שליט"א האט זיך אויסגעדריקט: אסאך מאל ווען איך וויל טון עפעס א קרומע זאך אין ביזנעס, נאר ר׳ יונה שטייט מיך נאך אין די אויגען, און לאזט עס מיך נישט טון.

## מנהיג רוחני אין נייטרא בית המדרש אין בארא פארק

**זיין** שטוב האט ער שפעטער קובע געווען אין וויליאמסבורג און דארנאך אין בארא פארק, ווי ער איז געווען דער מנהיג רוחני פון דער נייטרע בית המדרש אין בארא פארק, ווי עס האבען געדאווענט די תלמידים און אנשי שלומינו פון די נייטרע ישיבה, דארטען האט ער פארברענגט שבתות און ימים טובים, דארטען האט ער געזאגט זיין באקאנטע שלש סעודות תורה, און נאך שיעורים, און מיט די אידען פון בית המדרש האט ער געהאט א באזונדערע נאנטקייט און א קשר אלע יארען עד יומו האחרון. סוף ימיו האט ער ממנה געווען א דיין אין בית המדרש, זיין תלמיד הגה"צ ר׳ בן ציון שטראסער שליט"א, ווי אין דברי יונה חלק א׳ איז געדרוקט די דרשת הכתרה, און וואס ביזען היינטיגען טאג פירט ער די קהילה לשם ולתפארת ווי ער איז נתמנה געווארען פאר רב פון די קהילה.

## עמוד התורה

**הגאון** ר׳ אברהם חיים שפיטצער זצ"ל שרייבט: ער איז געווען א גדול בתורה, א שטארקע חריף, א קלארע שכל, א בעל הסבר נפלא, א בעל הגיון ביושר ובעומק, זיינע שיעורים זענען געווען פיל מיט חריפות און בקיאות און ישרות און פשטות צוזאמען. הרה"ח ר׳ צבי דוב איצקאוויטש שליט"א שרייבט: ער איז געווען א תלמיד חכם ולמדן נפלא, אלע ספרים פון ר׳ יוסף ענגיל זצ"ל, און דער מנחת חינוך און כלי חמדה פון ר׳ מאיר דן פלאצקי זצ"ל איז דאך געווען רגיל על לשונו, און מיט וואס פאר ווארעמקייט האט ער פארגעלערענט דעם מנחת חינוך ווען עס איז געקומען יו"ט צווישען מנחה און מעריב, מען האט געזען ווי דער מענטש ליגט אין לערנען, ווי ער שווימט אין דער ים התלמוד, און אז עס איז ביי איהם נישט דא קיין גרעסערע תענוג ווי צו הארעווען און מעמיק זיין אין א בלאט גמרא, אדער צו איז דאס געווען ביים שבת הגדול אדער שבת תשובה דרשה, האט מען געזען פונדעם פלפול ווי אזוי ער קאכט אין לערנען.

**אין** ספר הזכרון שטייט: מיר האבען געזען ווי אזוי ער איז געווען א מעין המתגבר בכל חדרי תורה, א פה מפיק מרגליות, און מיר האבען געזען ביי איהם, אז אסאך מאל ווען ער איז געקומען צו ישיבה, האט ער נישט אינזינען געהאט צו רעדן, אבער ווען ער האט געזען, אז עס איז א צורך השעה, האט ער גע׳דרשנ׳ט תיכף ומיד, אן א הכנה, מיט זיין אייגענארטיגע סגנון, ווי ער פלעגט אנפאנגען מיט א שיינע פלפול אין די סוגיות הגמרא וואס מען האט געלערענט אין די ישיבה, און פון דארטען מקשר געווען צו די דברי מוסר העומדים על הפרק, וואס ער האט געוואלט מעורר זיין.

## זיינע דרשות און תוכחה און זיין השפעה<br>דורך זיין מדת האמת

**הגאון** ר׳ אברהם חיים שפיטצער זצ"ל שרייבט: זיינע דרשות און זיינע מוסר שמועזן! ווי זענען דא די ריכטיגע ווערטער וואס זאלען קענען פארשטעלן דאס! א יעדער ווארט וואס איז ארויס פון זיין מויל איז געווען געציילט און געמאסטען, די רעיונות זענען געווען טיף, טיף טיף, און טראץ דעם האט ער מצליח געווען אז אפילו דער פשוט שבפשוטים זאל עס קענען פארשטיין, אלע האבען געטראפען אין זיינע ווערטער וואס איז געווען נוגע פאר איהם, סיי די מוסר, סיי די חיזוק, ער האט שטענדיג קולע געווען אל השערה, שטענדיג האט ער יורד געווען צום פינטעלע פון ענין אן קיין כחל ושרק, נאר בפשטות, און בעיקר: מיט אמת! אמת גמור, אמת לאמיתו, און ממילא האט מען מקבל געווען זיינע ווערטער, טראץ וואס ער האט גארנישט פארהוילען, און ער האט געזאגט מוסר אויף יעדער זאך וואס האט געדארפט תיקון, פונדעסטוועגן זענען אלי געווען זיינע פריינד, און צוגעבינדען צו איהם בלב ובנפש, און גרייט איהם צו פאלגען און צו טון אלס וואס ער הייסט און בעט. ער איז געווען אן איש האשכולות, שהכל בו, אן קיין שום חסרון און פעלער.

**איינער** פון די פליאות איז געווען ביי איהם: אז מענטשען עקשנים, מענטשען וואס האבען נישט מקבל געווען השפעה פון קיינעם אין דער וועלט, נישט פון רבנים, נישט פון בעלי בתים, האבען אבער נישט געקענט מעיז פנים, צו ר׳ יונה. און די סיבה איז געווען זייער פשוט: ווייל עס האט קיינער נישט חושד געווען ר׳ יונה אז זיין כונה איז נישט כל כולו נאר לשם שמים אן קיין שום פני׳ און אינטערעסע, און דער אמת האט זיך אן אייגענע גרויסע כח, צו מכניע זיין און צוברעכען דעם גרעסטער עקשן.

מען קען זען זיין אייגענע אהבה אויף מקבל זיין תוכחה פונדעם וואס ער דערמאנט מסיח לפי תומו, אין דברי יונה (חלק א׳ דף של"ה) אז ער האט אמאל געפרעגט פון זיין רבי דער אלטער נייטרע רב ר׳ שמואל דוד זצ"ל, אז היתכן אז ער גיט איהם נישט קיין פריוואטע מוסר אויף זיינע ענינים בפרטיות, האט איהם זיין רבי געענטפערט, אז גאס אליינס וואס ער פארשטייט אז עס פעלט איהם עפעס, גאס אליינס איז דער גרעבטע תוכחה. טראכסט אריין, אן השגה פון א יונגע בחור, צו פרעגן זיין רבי איהם צו אויס מוסער׳ן.

הרה"ח ר׳ יעקב לייב שפיטצער שליט"א האט דערציילט: עס איז געווען א תקופה ווי ר׳ יונה האט מפני סיבה נישט געקענט זיין ישיבה, און ער איז געווען איינער אליין אין די געגנט פון איסט נוי יארק, אויף נויפארט עווענו, און נאר צוויי מענטשען האבן געקענט אריינגיין צו איהם דעמאלס, און איך בין געווען איינער, אייינטאג זאגט ער מיר, אז ער וויל פארדינען פון זיינע יגיע כפים, אויב איך קען איהם אויסלערנען ווי צו פאררעכטען זייגערס, וואס גאס איז דעמאלס געווען מיין ביזנעס, און אויב איך קען איהם נעמען פאר ארבעטער, און יעדער טאג פלעג איך קומען בערך א שעה, איהם אויסצולערנען, און נאך צוויי חדשים האב איך איהם אנגענומען פאר אן ארבעטער, און געברענגט איהם יעדער טאג זייגערלעך צו פאררעכטען, און ער האט כביכול פארראכטען דעם זייגער [זיינע הענט זענען געווען ציטערדיגע, און עס איז כמעט אום מעגליך געווען פאר איהם צו פאררעכטען עס ריכטיג], און ווען איך האב איהם געברענגט דעם ערשטען צ׳ק, קען מען זיך נישט פארשטעלן די שמחה אויף זיין פנים, אז ער איז נהנה מיגיע כפו. אבער דער עיקר וואס איך קען מעיד זיין איז, אז הגם ער איז געווען אליינס אין יענער תקופה, פונדעסטוועגן איז זיין הנהגה, תפילה, די עסען, לערנען, אלץ געווען פונקטליך ווי עס וואלט געווען אין ישיבה אן קיין שום שינוי, און ווען ער איז אריין אין דארטען אין שטיבעל, איז דערהויבען געווארען די גאנצע שטיבעל.

האט די נייטרא רב הגה"צ ר׳ בן ציון שטראססער שליט"א געזאגט אויפדעם, ווייל ר׳ יונה׳ס עבודה איז געווען כולו אמת, און דאס איז געווען די חן דקדושה וואס ער האט געהאט. מען דערציילט, עס איז אמאל געקומען אין ישיבה א ירושלים׳דיגער משולח, און ר׳ יונה האט איהם מכבד געווען מיט א טרינק, און יענער האט פארמאכט זיין אויגען און געמאכט א ברכה, אזוי ווי אין הימעל אריין, האט זיך ר׳ יונה צו איהם אנגערופען: צו ביי אייך אינדערהיים מאכט איר אויך אזעלכע ברכות?

די סאדאוונער רב זצ"ל האט זיך אויסגעדריקט ביים הספד: ר׳ יונה איז געווען א ספר תורה מוגה אן קיין שום נגיעות, ער איז געווען ריין פון נגיעות, אויב ער האט געהאט א נגיעה איז דאס געווען צו טון א טובה פאר א צווייטער, אבער נישט פאר זיך.

נייטרא רב זצ"ל האט געזאגט ביים הספד: אלץ וואס ער האט געטון איז געווען נאר לשם שמים, צו טון דעם רצון ה׳, ער האט דאך אפילו נישט גענומען קיין שום געהאלט פון די ישיבה, און אויך נישט פון די בית המדרש ווי ער האט געדינט אלץ רב, ער האט קיינמאל נישט גענומען קיין געלט, און ער האט קיינמאל נישט געהאט קיין געלט, ער האט כסדר געהאט חובות, ער האט כסדר געבארגט, און פונדעסטוועגן פלעגט ער טון גרויסע מעשה חסד און צדקה.

הרה"ח ר׳ צבי דוב איצקאוויטש שליט"א שרייבט: א גרויס חלק פון זיין עבודה איז געווען די דברי מוסר וואס ער האט געזאגט, צו פאר קריאת התורה, וואס ער האט אייביג נאך געזאגט פון אינעוויייניג פון רמב"ם, אדער פון חפץ חיים, אדער שערי תשובה וכו׳, אלץ ארויסגעקליבען א שטיקעל וואס האט געהאט צו טון וועגן רכילות, לשון הרע אדער ליצנות, אדער מותרות וכדומה, און ווער רעדט נאך וועגן די ווארימע ווערטער וואס ער פלעגט זאגען ביי די שלש סעודות תורות.

אין ספר הזכרון שטייט: היות ער איז געווען א דרשן נפלא און א נואם בחסד עליון, האט מען איהם איינגעלאדענט אסאך מאל צו רעדן לטובת פארשידענע מוסדות, און ער האט קיינמאל נישט געזוכט זיך צו פטר׳ען פון א גוטע פעולה וואס איז געקומען פאר איהם, און ער איז שטענדיג געווען גרייט צו טון וואס עס פאדערט זיך, אויף מרחיב זיין די גבולי הקדושה, און מרבה זיין פעולות פאר תורה.

הגה"צ ר׳ אלימלך אשכנזי זצ"ל זיין חבר פון ישיבת חכמי לובלין האט דערציילט ביים הספד, א לימוד נפלא ווי אזוי מען דארף צו געבן תוכחה: עס איז געווען א איד וואס האט אויפגעמאכט א געשעפט פון עסען, און ער האט אויך פארקויפט דארטען פארשידענע זאכען, צייטונגען און זשורנאלען וואס א חלק פון זיי זענען נישט געווען לפי רוח חכמים, און עס זענען געווען פארשידענע מענטשען וואס האבען צו איהם געגאנגען מוחה זיין, און איהם געסטראשעט אז מען גייט אויפהענגען קול קורא׳ס אז מען זאל נישט קויפען ביי איהם, ווייל ער פארשפרייט שמוץ, אבער קיינער האט נישט מצליח געווען צו טוישען זיין מיינונג. ווען ר׳ יונה האט געהערט דערפון איז ער געגאנגען צום געשעפט, און געשטאנען אינדרויסען און געווארט ביז עס איז געווען ליידיג פון מענטשען, און נאכדעם איז ער אריין אין געשעפט און זיך ארומגעקוקט, און ער רופט צו דעם בעל הבית, און זאגט איהם.

איך זע האסט אויפגעמאכט א געשעפט, איך וויל שיקען אידען צו קויפען ביי דיר, איך וויל מייעץ זיין מיינע מענטשען זיי זאלען קויפען דוקא ביי דיר, מען זאל דיך געבן פרנסה בדרך כבוד, אבער איך זע דו האסט דא די סארטען צייטונגען, און איך האב מורא אז אידען וועלן נישט וועלן קומען, און איך ווייס נישט וואס צו טון. די ווערטער וואס זענען געווען דברים היוצאים מן הלב וואס האט געמיינט מיט אן אמת יענעם׳ס טובה, האט געהאט די ריכטיגע השפעה, און נאך יענעם טאג אליינס האט יענער איד ארויסגענומען די אלע צייטונגען פון געשעפט.

**עס האט פארציילט זיין תלמיד הרה"ח ר׳ חיים ידידי׳ פישער שליט"א: אז ער פלעגט ארבעטן מיט דיימאנטען, אבער נאר מיט גאר טייערע דיימאנטען, איז געווען א תקופה ווי דער ביזנעס איז געגאנגען זייער שוואך, וויל עס איז געווען גאר טייער, איז ער געגאנגען זיך אפצורעדן זיין הארץ צו ר׳ יונה, האט ר׳ יונה באלד אנגערופען אויפען טעלעפון א איד, און איהם געזאגט, איך שיק דיך איימיצער, און דו זאלסט איהם געבן אלע דיימאנטען וואס דו האסט, ער זאל ארבעטן מיט זיי, און אזוי איז געווען, ר׳ חיים ידידי׳ איז געגאנגען צו יענעם, וואס האט איהם געגעבן גאר טייערע דיימאנטען צו ארבעטן מיט. דארנאך האט יענע איד געזאגט פאר ר׳ חיים ידידי׳, זאלסט וויסען איך גיב פאר קיינעם נישט מיינע דיימאנטען, נאר וואס איז געשען, ממש פאר ר׳ יונה האט מיך אנגערופען, בין איך געווען ביי ר׳ יונה מיט מיין בחור, אז ער זאל איהם אריין נעמען אין די נייטרא ישיבה פאר נעקסטע זמן, אבער ר׳ יונה האט געזאגט אז עס איז נישט פאר די טובה פון די בחור, אבער איך האב זיך געבעטן רחמים, אבער גארנישט האט געהאלפען, און איך בין אוועק ביסעל ברוגז, און אפאר מינוט שפעטער רופט מיך אן ר׳ יונה, און ער בעט מיך דעם טובה וועגן די דיימאנטען, און איך בין ארויס פון די כלים, ווי אזוי האט ער די העזה מיך צו בעטן א טובה, באלד נאכדעם וואס ער האט מיך אפגעזאגט, האב איך פארשטאנען אז ער איז אן איש אמת, און איך האב מחליט געווען צו טון אלץ וואס ער בעט פון מיר.**

עס איז אמאל געווען א בחור א יתום אין די ישיבה, און וואס טראץ ר׳ יונה פלעגט זיך פירען מיט א שטרענגע הנהגה אין ישיבה, אבער מיט דער יתום האט ער זיך געפירט אנדערש, ביז איינמאל האט דער בחור צובראכען די טיר פון דער קיך, און זיך אריינגעבראכען אין קיך, און דאס האט ער שוין אליין פארשטאנען אז עס פאדערט זיך איהם צו מוכיח זיין, און ר׳ יונה האט איהם גאר שטארק מוכיח געווען צו מאכען א חשבון הנפש, און זיך נעמען לערנען, און דער בחור האט זיך טאקע געטוישט און געווארען א דערהויבענע בחור, און מיט אצייט שפעטער האט זיך ר׳ יונה אויסגעדריקט צו איהם: דיין טאטע דיינע האט געווארטען פון הימעל אז דו זאלסט זיך אריין ברעכען אין קיך! [ווייל דורכדעם האט ער איהם געקענט מוכיח זיין].

דער סאדאוונער רב זצ"ל, האט דערזאגט ביים שלושים, מיט א משל וואס דער סאטמאר רב האט אמאל געזאגט אויף זיך, פארוואס ער האט נישט מורא פון קיינעם, אז עס איז אמאל געווען א מענטש וואס ער האט מורא געהאט צו גיין שלאפען, ווייל אפשר וועט ער אראפ פאלען פון בעט, האט איהם איינער מייעץ געווען אז ער זאל גיין שלאפען אויף דער ערד, דארף ער שוין נישט מורא האבען אז ער וועט אראפ פאלען, ווייל ער איז שוין אויף די ערד, האט די סאדאוונע רב זיך אויסגעדריקט אויף די מדת האמת פון ר׳ יונה, אז עס איז שוין א לאנגע צייט וואס ר׳ יונה ליגט שוין אויף די ערד.

איינמאל איז אין ישיבה האט ר׳ יונה גערופען א בחור א יתום זאל קומען צו זיין צימער, און ווען די בחור איז געקומען, האט ר׳ יונה געהייסען א צווייטע בחור, גיין צום צימער פון דעם יתום, און ברענגען אלץ וואס ליגט דארטען, און ווען ער האט געברענגט די אלע זאכען, איז דארטען געלעגען א צעטל ווי דער יתום האט אויפגעשריבען, איך האב געגאנב׳עט פון דעם בחור אזויפיל געלט, און פון דעם בחור דאס, און אזוי ווייטער, ער איז געווען אן ערליכער גנב, און געטראכט צוריקגעבען אלע זיינע גניבות, און ר׳ יונה האט איהם געגעבן א פאטש, און אנגעווארענט "זאלסט מער נישט גנב׳ענען" און איהם מסביר געווען די חומר פון גזל. אבער דער בחור האט דערציילט יארען שפעטער, אז די סיבה פארוואס ער האט געגאנב׳עט איז ווייל ער איז דאך געווען א יתום, און ער האט נישט געהאט געלט ווי אלע אנדערע בחורים, איז פון דעמאלס אן האט איהם ר׳ יונה געגעבען יעדער וואך צוואנציג דאלער, וואס איז געווען א גרויסע סכום יענער יארען, פאר אסאך יארעם דארנאך.

עס איז אמאל געווען א בחור וואס מען האט געדארפט ארויסווארפען פון ישיבה, איז איין טאג אינמיטען א מיטונג פון די הנהלה, האט יענער בחור אנגערופען ר׳ יונה, און געשריגען מיט חוצפה און צעקות, אבער ר׳ יונה האט צוגעהערט און טרערען זענען אראפ פון זיין אויגען, און מיט א געשטיקטע מויל האט ער געזאגט: מיין הארץ גייט ארויס פון רחמנות, אבער איך האב נישט קיין ברירה.

זיין תלמיד הרה"ח ר׳ יוסף בערגמאן שליט"א האט דערציילט: אז נאך א שטיק צייט וואס ער איז אריין ביזנעס, איז ר׳ יונה געקומען צו איהם, און געבעטען ער זאל געבן פינף הונדערט דאלער פאר די ישיבה, וואס איז געווען א גרויסע סכום יענער טעג, ממילא האב איך נאר געגעבען האלב – צוויי הונדערט און פופציג דאלער. און פונקט דעמאלס האב איך באקומען אן ארדער פאר די גוישע חגאות פון אסאך סחורה, בתנאי אז עס וואס עס בלייבט איבער נאך די חגאות, וועלן זיי שיקען צוריק, און זיי האבען צוריק געשיקט פונקטליך די סכום פון צוויי הונדערט און פופציג דאלער! די סכום וואס איך האב נישט געוואלט געבן פאר די ישיבה.

עס האט דערציילט הרב נחמי׳ הערצאג שליט"א: אז ווען ער איז געווען א קינד, האט ער אמאל צעבראכען דאס האנט, און געהאט א קעסט, איז ר׳ יונה צו איהם צוגעגאנגען נאכען דאווענען, און איהם געגלעט, און איהם געזאגט מיט א רחמנות געפיל: מסתמא עס טוט דיך וויי, אבער נאכדעם האט ער איהם געגעבן א קוק, און געריומט אריין אין די

אויער שטילערהייט: אבער טראכט וואס פארא עבירה דו האסט עובר געווען אז דו האסט דאס באקומען, און נאכדעם איז ר׳ יונה פלינק אוועקגעלאפען.

## געמאנט פון די בחורים און אינגעלייט

שרייבט הרה"ח ר׳ צבי דוב הלוי איצקאוויטש שליט"א: דער אמת איך מודה זיין אז מיר אלץ בחורים האבען מיר נישט אייביג געקענט פארשטיין ווי אזוי ער האט זיך געבעטען דאס מען זאל אויסנוצען יעדער רגע, ווייל דער צייט איז די טייערסטע אויף דער וועלט, אבער יעצט אז מיר האלטען שוין נאך די חתונה און מיר האבען שוין א אייגענע משפחה און עס איז שוין נישט דא אזויפיל צייט זיך צו משלים זיין אין תורה ויראת שמים, זעט מען ווי גערעכט איז ער געווען.

און פאר די בעלי בתים פלעגט ער אייביג מזהיר זיין וועגן קביעת עתים לתורה, דאס יהיה מה שיהיה זאל מען אראפגאנבענען צייט צו לערנען, און ווי ער פלעגט אייביג זאגען דאס א קינד קען מען נישט פאפען, אז ער זעט דעם טאטע לערנען, וועט ער אויך לערנען, און אויב חלילה נישט, וועט ער אויך נישט לערנען.

די צווייטע זאך וואס ער פלעגט אסאך מאל מזהיר זיין, איז צניעות, און לויט זיין אפטייטש איז דער גדר פון צניעות נישט נאר דוקא ביי קליידונג, נאר די גאנצע שטוב ביי א איד דארף זיין באשיידען נישט אויפרייסעניש.

ער פלעגט זייער אסאך מזהיר זיין, וועגן דעם ענין פון מותרות, דאס א איד איז נישט קיין גוי, נאר א חלק אלקי ממעל, וואס זיין שאיפה דארף זיין צו שטייגען העכער און העכער אין עבודת ה׳, נישט צו וועלן אריינכאפען אלע תאוות עולם הזה, אפילו עס האט א הכשר, ווי דער רמב"ן זאגט אין פרשת קדושים, דאס מען זאל נישט זיין קיין נבל ברשות התורה, און אינדעם גדר פון מותרות מיינט מען זאל נישט מאכען קיין טייערע חתונות, וואס א טאג שפעטער בלייבט נישט קיין זכר דערפון, און און דאס איז כולל אויסגעבן געלט אויף אלע זאכען וואס האבען נישט קיין צוועק, למשל פלעגט ער זאגען, מען קויפט פאר קינדער די טייערסטע שפילצייג, און א פאר שעה אדער אפילו א פאר מינוט נאכדעם וואס ער באקומט דעם שפילצייג, גייט ער זיך צוריק שפילען מיט קליינע פאפירעלאך אדער מיט זאמד.

אויך פלעגט ער מזהיר זיין דאס מען זאל זאגען ברכת המזון אין א סידור דוקא, ווי דער באר היטב ברענגט, אז עס איז א סגולה פאר פרנסה, אויך פלעגט ער שטענדיג מזהיר זיין בר מצוה בחורים דאס זיי זאלען נישט אויסרעדן אין די תפילין.

תמצית הדברים, איז וואס ער פלעגט שטענדיג מאנען, איז דאס א איד דארף צו טראכטען ביי א יעדער זאך וואס ער טוט צו איז דאס דער רצון ה׳ אדער נישט, און אויפדעם פארלייגט זיך דער בעל דבר די מערסטע דאס מען זאל זיין פארנומען, אז מען זאל נישט קענען טראכטען ווי האלט איך אויף דער וועלט.

הגאון ר׳ מענדל אונגאר שליט"א האט געזאגט: ר׳ יונה פלעגט מאנען, אויף די פרייטאגס, אז מען זאל אויסנוצען די צייט, ער פלעגט זיך אויסדריקען: עס איז דאך א זיבעטעל פון א מענטשענס לעבן, און פארוואס זאל עס פארלוירען גיין. ער פלעגט אויך מאנען אסאך אויף חזערן די סוגיות, און ער פלעגט זיך אויסדריקען: וויפיל יראת שמים דארף מען האבען, אויף צו האבען די אחריות וואס ליגט אויף א בן ישיבה צו איינזאפען און קונה זיין ריכטיג די תורה וואס מען האט געלערענט מיט חזרות.

הגאון ר׳ אלי׳ קרויס שליט"א האט געזאגט: ר׳ יונה האט מהביל געווען דעם עולם הזה פאר אונז, ער האט זיך אויסגעדריקט וועגן געלט מיט א ביטול: ווער דארף געלט, איך האב זי קיינמאל נישט גענדארפט האבען.

## עולם חסד יבנה

**אין** ספר הזכרון שטייט: זיין מעשה צדקה וחסד איז א פרשה פאר זיך, און הגם ער האט געטון רוב זאכען באהאלטען, פונדעסטוועגן איז דא און דארט אנגעקומען צו אונזערע אויערען. עס ווערט דערציילט אז אין זיינע בחור׳ישע יארען, האט ער אויסגעפינען אז איינע פון זיינע חברים געפינען זיך אין א געפערליכע מצב פון נויט און ארעמקייט, און עס האט אנגערירט ר׳ יונה׳ס ריינע הארץ, איז ער געגאנגען און פארקויפט זיין פאר תפילין, וואס איז געווען א באזונדערע מהודר׳דיגע און חשובע תפילין, און עס האט געקאסט אסאך געלט, און ער האט זיך געקויפט אנדערע תפילין אביסעל ווייניגער מהודר, און די איבעריגע געלט האט ער געגעבען פאר זיין חבר ער זאל קענען אביסעל אפאטעמען.

**אין** די הספד פון נייטרא רב זצ"ל ווערט געברענגט די מעשה בשם זיין ברודער ר׳ אשר פארסט ז"ל אויף אזא אופן: אז ווען ר׳ יונה האט געלערענט אין לובלין, וואס איז געווען אין פוילין וואס די ארעמקייט איז געווען דארטען זייער גרויס, און אידען פלעגן קומען זאמלען געלט פאר צדקה אין לובלין, און יעדער מאל וואס א איד פלעגט קומען, פלעגט ר׳ יונה איהם ארומנעמען זאמלען געלט, איינמאל ווען עס איז געקומען אזא איד, און ר׳ יונה האט נישט מצליח געווען זאמלען דעם גאנצע סכום, וואס מען האט גענדארפט, און זיין הארץ איז ארויס פון רחמנות אויף איהם, איז וואס האט ער געטון, ער האט געהאט א פאר תפילין פון פשעמישל, וואס איז געווען א שם דבר, דער סופר איז געווען א מקובל, און מענטשען האבען זייער שטארק געוואלט האבען דעם תפילין, האט ר׳ יונה פארקויפט דעם תפילין, און מיט די געלט האט ער זיך געקויפט פשוט׳ע תפילין, און עס איז איהם איבערגעבליבען אפאר הונדערט זלאטעס וואס ער האט איבערגעגעבן פאר דעם ארימען איד.

די נייטרע רב האט אויסגעפירט, אז זיין געבען צדקה איז געווען באופן הפלא ופלא, ער האט געגעבען אזעלכע סכומים וואס איך האב נישט געקענט פארשטיין, אז טראץ וואס ער האט גארנישט געהאט, האט ער אלץ אוועקגעגעבן, יעדער האט באקומען איהם.

**איינער** פון די גרעסטע חסדים וואס ער האט געטון, איז וואס ער האט מגדל געווען דריי יתומים, הצדיק ר׳ שלמה זצ"ל, און להבחל"ח הרה"ח ר׳ מנחם שליט"א, און הרה"ח ר׳ טובי׳ אביגדור שליט"א [דער מוציא לאור פון די ספר דברי יונה ב׳ חלקים] צו משפחת פעלדמאן, און ווי דער נייטרא רב האט געזאגט ביים לוי׳: איך וועל מסיים זיין מיט דער טייערסטע זאך וואס ר׳ יונה האט געהאט אויף דער וועלט, וואס ער האט מגדל געווען דריי טייערע קינדער מיט אזא מסירות נפש, וואס אפילו אן אמת׳ע טאטע מאמע קענען נישט טון, וואס ער האט אלס געטון פאר די קינדער. און דער איבערגעגעבענקייט איז געגאנגען עד יום פטירתו, ווי ער האט זיי חתונה געמאכט, און צו דער אייניקלעך האט ער איבערגעגאסען די אהבה, נאכמער ווי א זיידע, מיט מתנות, און פארברענגען מיט זיי, שבתות און ימים טובים, און אנדערע זמנים.

**בנו** חורגו הצדיק ר׳ שלמה זצ"ל האט דערציילט: עס איז געווען אן עלטערע איד ר׳ משה, וואס האט געוואינט אין א מושב זקנים, און פאר די ימים טובים פלעגט ער קומען צו ר׳ יונה אין שטוב, און ר׳ משה פלעגט זאגען, אז ביי ר׳ יונה אויף פסח פילט ער דעם יציאה מעבדות לחירות כפשוטו. האט זיך געמאכט אז איינמאל איז ר׳ משה געקומען ערב פסח נאך חצות, אין העכסטע פונקט פון טירדות פאר יו"ט, און ר׳ משה׳ס האר איז געווען באוואקסען לאנג, האט ר׳ משה מיך געפרעגט אויב איך קען איהם נעמען צו א בארבער, און איך האב אנגעפאנגען זיך צו פארענטפערען מיט אלע מיני תירוצים, פארוואס איך קען איהם נישט נעמען, און נאר וויבאלד איך האב דאס געזאגט, האט זיך ר׳ יונה וואס האט זיך געפונען אין א צווייטע צימער רופט זיך אן: ר׳ משה זארגט זיך נישט, עס וועט אלס זיין בסדר, און איך בין געווארען נבהל ונשתומם ווי ר׳ יונה נעמט דעם שער מאשין אליינס בכבודו ובעצמו, און ער נעמט זיך אליינס שערן ר׳ משה, כאטש ר׳ יונה האט נישט געקענט שטיין אויף זיינע פיס, און ער האט געמוזט שערן זיצענדיג. שפעטער אויפען וועג צום בית המדרש האב איך איהם געפרעגט, פארוואס האסטו זיך משפיל געווען, האט ער מיך געענטפערט, וואס הארט דיך אז מען קען מחי׳ זיין א צווייטע איד, און איך האב געזען א באזונדערע שמחה אויף איהם, אזוי ווי ער וואלט געבאקען ערב פסח׳דיגע מצות.

**איך** ווייס פערזענליך אסאך חתונות ווי ער האט געזאמעלט געלט פאר די חתונה. איך געדענק ווי ער האט אמאל אויסגעפונען וועגן א תלמיד חכם וואס דארף חתונה מאכען, און ער האט נישט קיין פרוטה, האט ער א אגאנצע שעה געמאכט טעלעפאנען צו גבירים, ביז ער האט באקריגען די גאנצע סכום פאר די חתונה, און א צווייטע מאל איז געווען א בחור א יתום וואס ער האט איהם חתונה געמאכט, און ער האט מיט איהם געטאנצען מצוה טאנץ אזוי ווי ער וואלט געווען זיין בן יחיד.

**די** נייטרא רב זצ"ל האט דערציילט: א אינגערמאן האט איהם דערציילט, אז ר׳ יונה רופט איהם אן און פרעגט איהם צו ער קען א געוויסע אינגערמאן, און צו איך האב גערעדט מיט איהם לעצטענס, און איך האב געזאגט אז יא, האט ער מיך געפרעגט, צו איך ווייס וואס זיין מצב פרנסה איז, האב איך געזאגט, אז איך האב געהערט אז עס גייט איהם שווער, האט ר׳ יונה מיך געזאגט, וועגן דעם רוף איך דיך, אפשר האסטו טויזענט דאלער מיך צו בארגען, און גיי אין יענער בית המדרש ווי יענער זיצט, און זאג צו איהם אז דו האסט געהערט אז זיין מצב איז שווער, און פונקט האסטו עפעס געלט, און דו ווילסטו עס איהם געבן, און זאג איהם נישט חלילה אז איך האב עס געשיקט, נאר עס קומט פון דיר, און אזוי האב איך געטון, און יענער האט מיר זייער באדאנקט, ווייל ער איז זייער גערדריקט אויף געלט. צומארגענס האט מיר ר׳ יונה געזאגט, איך וועל דיר זאגען, פארוואס איך האב דיר געשיקט מיט געלט, ווייל איך האב געהערט, אז די בני בית זיינע האבען זיך בארעדט, אז זיי זענען גערדריקט אין די מצב הפרנסה, און עס איז שוין א לאנגע צייט זיי האבען שוין נישט געגעסען קיין פלייש אין שטוב, איז הגם אז איך ווייס אז עס איז דא מענטשען וואס קענען ליידען און לעבן אן עסען פלייש, אבער אין דער שטוב ווייס איך אז עס איז עק וועלט, נישט אויסצוהאלטען, אן פלייש, האב איך געזאגט ערשטענס זאלען זיי האבען נאך טויזענט דאלער אין טאש.

**נאך** א מעשה פלא איז נתגלה געווארען, עס איז געווען א איד אין בית המדרש וואס האט נישט ליב געהאט ר׳ יונה, און ער האט גערעדט וועגן ר׳ יונה נישט בדרך כבוד כסדר, און ר׳ יונה האט געוויסט דערפון, איינמאל האט ר׳ יונה געהערט פון איינע פון די ישיבה בדרך אגב, אז יענער איד, האט געקויפט א געשעפט, און ער האט נישט מצליח געווען און אריין אין חובות, איז ר׳ יונה באלד געגאנגען און אפאר טעג צוזאמען געזאמעלט א סכום פון צען טויזענד דאלער, און ער האט איהם געשיקט די געלט אן יענער זאל וויסען ווער עס האט עס איהם געשיקט, און יענער האט ווייטער ממשיך געווען צו בארעדן ר׳ יונה, אן צו האבען די מינדעסטע השגה אז ר׳ יונה האט איהם מציל געווען.

## נושא בעול עם חבירו

**שטייט** ווייטער אין ספר הזכרון: אין די שפעטערע יארען, טראץ וואס ער איז געווען פארנומען מיט געוואלדיגע טירדות אין פירען די ישיבה, האט ער קיינמאל נישט גערוט פון זארגען זיך פאר יחידים, ער האט זיך געזארגט פאר די מעמד פון תלמידי חכמים, זיי זאלען האבען פרנסה בדרך כבוד, און כסדר איז ער געווען וואך דעם זארג פון די צווייטען, ווי ער האט פארשטאנען צו ארויסהעלפען און מחזק זיין פון די זענען באטראפען געווארען פון פארשידענע צרות.

דערציילט איינער: עס האט פאסירט פאר מיין ברודער אן שווערע עקסידענט לא עלינו,

און מיר זענען אלע געווען זייער באזארגט פאר דער לעבן און געזונד, פלוצלינג רופט מיר ר' יונה, און פרעגט מיך וואס מאכט די חולה, אבער תיכף ומיד פרעגט ער מיר: און וואס מאכט די משפחה? האבען זיי א מקור פון פרנסה, האבען זיי פון ווי צו לעבן, אינדערצייט ווען דער ראש המשפחה ליגט קראנק אין בעט? און ווען איך האב איהם געענטפערט אז יעצט איז דער עיקר זארג וועגן די מצב פון חולה, איז ר' יונה אויפגעשפרינגען פון זיין ווילטשער מיט אן התרגשות, און געשריגען: ניין! אודאי דארף מען זיך זארגען פאר די חולה, אבער מען טאר נישט פארגעסן די מצב פון זיין פרוי, וואב עס ליגט אויף איהר דעם שווערע עול צו מפרנס זיין איהרע קליינע קינדערלעך. דאס איז געווען ר' יונה.

בנו חורגו הרה"ח ר' טובי' אביגדור פעלדמאן שליט"א שרייבט: ר' יונה פלעגט מטיב זיין מיט צענדליגע משפחות מיט פרנסה אן זיי זאלען וויסען פון ווי קומט זייער ישועה. אסאך מאל פאר פסח פלעגט ער אליינס גיין איינזאמלען צרכי פסח, און שיקען דורך א שליח צו אלמנות. ער פלעגט באצאלען שטילערהייט חובות וואס ארעמע משפחות זענען געווען שולדיג, און מיר האבען געטראפען אסאך צעטלעך פון בעלי חובות, וואס ער האט מסדר געווען די אפצאלען פון די חובות.

עס איז געווען נאנט צו די פטירה פון ר' יונה, ווען ער איז געלעגען ביטער קראנק אין טענס"ו קעי"ר, רופט ער מיך, און ער נעמט ארויס פון אונטער זיין קישען, א פעקל פון טשעקס, און ער שרייבט א טשעק פון פינף הונדערט דאלער, און ער זאגט מיך: קיינער זעט נישט, גיי גיב עס צו יענער רב. איך בין ארויס פון כלים, דא אין שפיטאל, וואס ליגט איהם אויפען קאפ, צו שרייבען טשעקס פאר אנדערע אידען.

ער פלעגט ארויספארען צו די ישיבה זעקס אזייגער אינדערפרי, און עס פלעגט קומען א קאר איהם נעמען, אבער א פערטל צו זעקס איז ער שוין געשטאנען ביים טיר, ווארטענדיג פארען קאר, האב איך איהם אמאל געפרעגט, עס איז דאך זיין פרנסה וואס ער באקריגט באצאלט צו נעמען דיך, איז פארוואס דארפסטו שטיין אין די קעלט ביים אפענע טיר ווארטען, האט ער מיר געענטפערט, איך וויל נישט א איד זאל ווארטען אויף מיר, איך דארף זיין גרייט פאר איהם.

איך געדענק איין פסח נאכט, נאכען סדר און איך האב זיך געלייגט שלאפען, און פלוצלינג זעקס דרייציג אינדערפרי, וועקט מיך אויף ר' יונה, און בעט מיר אויב איך קען ארויפגיין צום שכן אויבען ר' יחזקאל דייטש שליט"א אז ער זאל שנעל קומען ווייל איך לייד יסורים אויף מיין הארץ, האב איך איהם געפרעגט, ווי לאנג האסטו שוין די יסורים, האט ער מיר געזאגט, פון כמעט באלד נאכען סדר, אבער איך האב דיר נישט געוואלט אויפוועקן, ביז איך האב געזען אז איך קען שוין נישט מער ווארטען.

**בנו חורגו הצדיק ר' שלמה זצ"ל האט דערציילט:**

ער פלעגט אהיים קומען יעדער טאג פון די ישיבה אין מאונט קיסקא זייער מיד און אויסגעמיטשערט, אבער ער האט נישט מצליח געווען זיך צו אפריען, ווייל די צוויי טעלעפונים האבען גערינגען אן א אויפהער, האב איך מחליט געווען איינמאל, אז איך גיי אראפנעמען דעם טעלעפון פון דעם האק, כדי ער זאל זיך קענען אפרוען. אבער נאך אפאר מינוט פון שטילקייט, האט ער זיך געווינדערט אז היתכן קיינער רופט נישט היינט, ביז ער האט מרגיש געווען וואב איך האב געטון, האט ער מיר געזאגט אז ער אסר'ט מיר אנצורירען דעם טלפון, האב איך איהם געפרעגט, אז איך פארשטיי נישט, וואס וועט געשען אז יענער וועט רופן אין א האלבע שעה ארום, האט ער מיר געענטפירט מיט א שטארקייט: אז אויב דער מענטש רופט יעצט, מיינט עס אז ער דארף מיר האבען יעצט דוקא!

עס איז געווען א איד א תלמיד חכם ר' שמואל אלטער ז"ל די מחבר פון ספרי ליקוטי בתר ליקוטי, און ווען זען פרוי איז נפטר געווארען, איז ער געבליבען אליינס, ווייל ער האט נישט געהאט קיין קינדער, האט ר' יונה מיך געבעטען איך זאל גיין שלאפען מיט איהם יעדער נאכט. איך געדענק ווען ר' יונה פלעגט אהיים קומען פון ישיבה, און ער האט נאך נישט אויסגעטון זיין מאנטעל, און ער איז שוין געווען אויפען טעלעפון מיט הרב אלטער, האב איך איהם געפרעגט, ער קען דאך ווארטען נאך אפאר מינוט ביז דו נעמסט אראפ דיין מאנטעל, נעמסט א טרינק, האט ער מיך געענטפערט, וואס הייסט, ער זיצט דאך אין שטוב אגאנצע טאג אליינס און מען קען אפילו נישט ווארטען א רגע. און הרב אלטער האט זיך אמאל אויסגעדריקט צו איינער: פון אלע מיינע ידידים האב איך איינער אויף מיין הארץ, און דאס איז ר' יונה, און ווען ער האט אמאל געגעבן זיין ספר במתנה פאר ר' יונה האט ער אריין געשריבען: לכבוד הרב הנעלה מכל תואר.

אמאל נאכדעם וואס ער האט געצינדען חנוכה לעכט און געזאגט הנרות הללו, זע איך אז ער זינגט נישט קיין מעוז צור, נאר ער גייט צו צום טלפון, און איך האב זיך געווינדערט, ביז איך האב געזען אז ער רינגט צו א צובראכען פרוי, צו זינגען מעוז צור פאר איהר אויפען טלפון.

ער האט געהאט א מנהג צו רעדן פאר קריאת התורה יעדער שבת אין נייטרא בית המדרש אפאר מינוט, און איך פלעג איהם צוגרייטען דעם ספר וואס ער האט געוואלט. איינמאל האט ער מיך געבעטען איך זאל איהם ברענגען א רמב"ן על התורה, אבער ווען עס איז געקומען בשעת מעשה האט ער נישט איבערגעזאגט קיין רמב"ן, איז נאכען דאווענען האב איך איהם געפרעגט, פארוואס ער האט נישט איבערגעזאגט דעם רמב"ן, האט ער מיך געזאגט, ווייל פאר די דרשה האט ער געזען א מענטש וואס איז פונקט געקומען דאווענען יענער שבת, און ער האט א צובראכען הארץ, און דער דבר תורה וואס איך האב זיך אנגעגרייט וואלט איהם ווי' געטון, האב איך געזאגט א צווייטע דבר תורה. און פון דעמאלס אן האב איך באמערקט ווי פאר ער רעדט קוקט ער ארום די בית המדרש צו זען ווער עס איז דארטען.

זיין שוועסטער איז נפטר געווארען אין י"ג ניסן, און ער האט געדארפט זיצען שבעה ביז יו"ט, האט ער באפוילען מיך מיט א שטארקייט, אז קיינער זאל נישט אויסגעפונען אז ער זיצט שבעה, ווייל אלע זענען טרוד אין די טירדות פון יו"ט, און אויב מען גייט וויסען אז ער זיצט שבעה, גייט מען פילען אז מען איז מחוייב איהם צו קומען מנחם אבל זיין, און אזוי איז ער געזעצן מיט די טעלעפון אין זיין האנט, און געענטפערט ווי נארמאל.

## ונהנים ממנו עצה ותושי'

זיין תלמיד הרה"ח ר' צבי דוב איצקאוויטש שליט"א שרייבט: אויב איהר טראכט אז נאך אלע זיינע ארום וואנדערן א גאנצע טאג, און ער איז ענדליך אנגעקומען שפעט ביינאכט אין שטוב, איז געענדיגט געווארען זיין סדר היום, און געהאט אביסעל צייט זיך אפרוען, האט איהר א גרויסע טעות, נאר אדרבה, דוקא דעמאלס האט זיך אנגעפאנגען זיין סדר היום, מיט פארשידענע פריוואטע פראבלעמען, וואס ער האט אויפגעמאכט זיין שטוב און הארץ פאר יעדער איד, און ער האט נישט סתם געגעבן א ברכה, און געזאגט זיי מיר געזונד, נאר ער פלעגט העלפן יעדעם איינעם בפועל ממש. טאמער עס האט זיך געהאנדעלט אז איין יונגערמאן דארף אויפמאכען א געשעפט, און ער האט פארשטאנען אז דאס איז א מקום פרנסה, האט ער צוזאמען גערופען בעלי בתים צו זיך אין שטוב, אז זיי זאלען בארגען דעם יונגערמאן געלט אויף א לענגערע זמן, דאס ער זאל זיך קענען שטעלן אויף די אייגענע פיס, אדער עס האט זיך געהאנדעלט מיט א בעל הבית וואס שעתא דחיקא לי', האט מען שוין געוויסט די אדרעס.

עס איז געקומען צו אונז אין בית המדרש א בנן של קדושים וואס האט געלערענט איין זמן ביים אלטען נייטרע רב זצ"ל, האט ער מיך געבעטען אז איך זאל גיין נאך געלט פאר איהם, האט ער מיר געגעבען א טשעק פון א שיינע סומע, און ער האט מיר געזאגט: טאמער דו מיינסט אז עס קען ארויסקומען א תועלת אז דער עולם וועט געבן, דעמאלס מעגסט מפרסם זיין ווי פיל איך האב געגעבן. גלייבסט מיר, איך וויס נישט פון ווי ער האט דאס געהאט צו געבן, אבער ער האט דאך געגעבן.

**ער** איז געווען דער ראש וראשון לכל דבר שבקדושה, ווער עס האט נאר געדארפט עפעס האט איהם אנגערופען, ער האט נישט געהאט קיין גבאים מיט יוצאי משרתים, נאר אליינס אויפגעהויבען דעם טלפון, און אויפגענומען יעדעם איינעם מיט אזא סבר פנים יפות, מען האט אויף זיין פנים קיינמאל נישט געזען קיין עצבות, כאטש אפילו ער איז געווען מדוכא ביסורים כל ימיו, אדרבה ער האט מחזק געווען אנדערע.

הגאון ר' אברהם חיים שפיטצער זצ"ל שרייבט: אונז תלמידי הישיבה, זענען צוגעוואינט צו רעדן וועגן ר' יונה'ס השפעה אין די ישיבה, אבער דער אמת איז, אז זיין השפעה איז אנגעקומען אסאך וויטער פון די כותלי הישיבה, און דער ווינקעלע פון השפעה, איז דער ווינקעלע וואס מען וועט קיינמאל נישט וויסען, ווי ווייט עס האט דערלאנגט, ווייל ר' יונה איז דאך געווען א שליח מן השמים פאר טויזענטע ממש בלי גוזמא, פאר פארביטערטע מענטשען, בעלי יסורים, פאר פראבלעמען מיט פרנסה, געזונד, חינוך הבנים והבנות, שלום בית, און נאך און נאך, און ער האט אוועקגעגעבן פון זיין צייט, זיין חכמה, פון זיינע קשרים מיט רבנים און בעלי בתים, צו דערלאנגען עצה און הדרכה, מיט געלט, און הילף פאר די טויזענטער וואס פלעגן קלאפען אויף זיין טיר.

ביים הספד האט ר' אברהם חיים זצ"ל געזאגט: אז ר' יונה האט געהאט א צוויי פאכיגע השפעה, מצד אחד, אן השפעה אין די כותלי הישיבה, ווי ער האט געפירט די ישיבה, אבער אין דער זעלבע צייט, איז יעדער איד ווי ווייט ער איז נאר געווען האט ר' יונה באלד געטראפען א שפראך מיט איהם, ווען א בחור האט אנגעפאנגען גליטשען, ווער האט איהם צוריקגעברענגט צו אידישקייט אויב נישט ר' יונה, וויפיל הונדערטע נשמות וואלטען פארשטויסען געווארען אין אמעריקא אויב נישט ר' יונה.

**אין** ספר הזכרון שטייט: זיין שטוב און הארץ זענען געווען אפען פאר יעדער צובראכען הארץ, וואס איז געקומען זיך אויסגיסען זייערע דאגות פאר איהם, און מיט זיינע זיסע ווערטער, און די חן פון זיינע רייד, האט ער מחזק געווען צובראכענע הערצער, און ליכטיג געמאכט צו מדריך זיין אויפען ריכטיגען וועג, און בפרט איז ער געווען גרויס אין מאכען שלום בין אדם לחבירו ובין איש לאשתו, און אינדעם איז ער געווען דער יחיד מומחה בה"א הידיעה, צו צופרידען מאכען אלע צדדים, און אויסגלייכען די מכשולים, מיט א מורא'דיגע סייעתא דשמיא צו בויען חרוב'דיגע הייזער לשם ולתפארת.

**און** הגם ער אליינס איז געווען א צובראכענע מענטש, וואס אלע תענוגי החיים זענען געווען גאר ווייט פון איהם, און פונדעסטוועגן איז ער געווען א מקור וואס עס האט זיך געגאסען פון איהם שמחה. און ווי דער נייטרע רב האט מספיד געווען: וויפיל צובראכענע הערצער האט ער אויסגעהיילט, ווער עס האט געהאט א צובראכען הארץ, האט געוויסט ער קען אריינגיין יעדער שעה אין שטוב פון ר' יונה, יעדער שעה ביינאכט, איינצע צווייע און דרייע ביינאכט, האט ער געהאט א אפען אויער פאר יעדער יוד.

**בנו חורגו הצדיק ר' שלמה זצ"ל האט דערציילט:**

אז פאר דרייע פירע ביינאכט איז געווען אזוי ווי אין מיטען טאג, ווי דער שטוב איז געווען פיל מיט מענטשען. א איד א גרויסע בעל צרות, האט זיך אויסגעדריקט צו מיר, ווען איך גיי אריין צו ר' יונה, האב איך א הארץ פיל מיט צרות, אבער ווען איך גיי ארויס, איז אזוי ווי עס איז אראפ א שטיין פון מייו הארץ. און עס איז געווען א תקופה ווי דער איד האט זיך געשטערט פון קומען, ווייל ער האט מורא געהאט אז ער שטערט צופיל, האט ר' יונה איהם אנגערופען, אז היתכן ער קומט נישט. ר' יונה האט געהאט צוויי טעלעפאנים, ווייל די טלפון פלעגט רינגען אן אויפהער, פון די פילע מענטשען וואס פלעגן רופען פאר עצות, אבער באמת קען מען זאגען בדרך מליצה, אז ער האט אויך געהאט א דריטע טלפון, וואס אויב איימיצער האט זיך געשטערט איהם צו רופן, האט ער מקדים געווען און גערופן יענעם, זען וואס ער מאכט.

אסאך מאל פלעג איך הערן ווי ער פלעגט איבער חזר'ן אויף אן עצה דריי אדער פיר מאל, האב איך איהם געפרעגט, פארוואס עס איז נישט גענוג, צו זאגען איין צו צוויי מאל, האט ער מיר געענטפערט: אז ווי לאנג יענער איז נישט צופרידען, קען איך איהם נישט אפלאזען.

באמת שטעלט זיך א שאלה, אויב ר' יונה האט אויפגעשטעלט זיין דירת קבע די ישיבה הקדושה ווייט פון שטאט, איז פארוואס האט ער אויפגעשטעלט זיין דירת עראי דוקא אין ניו יארק, און יעדער וועט אוודאי זאגען, אז די סיבה איז פשוט, ווייל ער האט דאך געדארפט זיין אין נוי יארק פאר די ישיבה, צו זאמלען געלט ביי גבירים אין מאנהעטן. אבער איך וועל אייך מגלה זיין א סוד, אז עס איז געווען נאך א סיבה, ער האט געזוכט א דירה, ווי צעבראכענע אידען, זאלען האבען ווי אריינצוגיין אויסגיסען זייער הארץ, און צו וועלן זיי פארען צו מאונט קיסקא, נאר זיי זאלען איהם קענען טרעפען אין שטוב אין אלא שעות פון נאכט.

די נייטרא רב זצ"ל האט געזאגט ביים הספד: ער איז נישט געווען קיין רבי וואס האט געליינט קוויטלעך, ער איז געווען א איד מיט א אפענע אויער, מיט הארץ, יעדער האט געוויסט אז עס איז דא איד וואס הערט צו און עס ווייטאגט איהם פאר דיר, און ער נעמט דאס גאנצע פעקל אויף זיין פלייצע.

אין זיינע לעצטע טעג אין שפיטאל, האט ער געזאגט צו א אינגערמאן: איך וויל נישט שטארבען, איך דארף נאך לעבן, עס איז דא אזויפיל פראבלעמען וואס האלטען נאך אינמיטען, אבער זעט זיך אויס פון הימעל וויל מען אנדערש. וואס זעען מיר פונדעם, ער האט נישט געבעטען צו לעבן כדי ער זאל קענען תשובה טון און מתקן זיין נשמה, נאר וועגן איין זאך, וואס וועט זיין מיט די צובראכענע אידען, דא איז געווען ביי איהם א קראנקע איד וואס האט זיך נאך נישט מסדר געווען ביי א דאקטאר, דא איז געווען א צובראכענע אלמנה מיט א קינד וואס גליטשט פון וועג, און ווער גייט דאס טראגען אויפען פלייצע.

**דער** נייטרא תלמיד פון דער היים הרה"ח הישיש ר' בנימין זאב לעווי שליט"א האט פארציילט צוויי דוגמאות ווי אזוי ר' יונה האט מחזק געווען און מייעץ געווען אנדערע אידען. איין דוגמא: עס איז געווען א תלמיד וואס האט פארלוירען א קינד ר"ל אינגערהייט, און דער טאטע האט זיך נישט געקענט טרייסטען, און עס איז אדורך אפאר חדשים און ער האט זיך נאך אלץ נישט בארוהיגט. ר' יונה האט איהם פארשטאנען, און ער איז צוגעגאנגען צו איהם, צו פרובירען טרייסטען, אבער עס איז נישט געגאנגען, ביז ר' יונה רופט זיך אן צו איהם: קוק מיך אן, זע ווי איך זע אויס, ווילסטו זיך טוישען מיט מיר, דו וועסט נעמען מיין פעקל, און איך וועל נעמען דיינס. מיט די ווערטער האט יענער זיך געטרייסט. ער האט געוויסט צו ניצן זיין מצב אויף מחזק זיין אנדערע מיט אמונה ובטחון.

נאך א דוגמא: עס איז געווען א תלמיד א אינגערמאן, וואס האט זיך באקלאגט צו איהם, אז ער ליידט פון שרעק און זארג בייטאג און ביינאכט, און ער האט נישט קיין מנוחה, און ער האט גע'טענה'ט אז עס קומט ווייל אז ער האט צופיל שיעורים, ער לערנט צופיל תורה, און ער שטרענגט זיך אן דאס קאפ צופיל, און דאס איז גורם א לחץ, ממילא איז אפשר כדאי אז ער זאל אביסעל אפלאזען פון זיינע שיעורים, אזוי וועט ער זיך בארואיגען. האט ר' יונה איהם געפרעגט, אויב דו קענסט מיר זאגען וועלכע שיעורים דו האסט, האט ער איהם אנגעפאנגען אויסרעכענען, א שיעור פארען דאווענען, פארען ארבעט, אינמיטען ארבעט פאר מנחה, א שיעור ביינאכט, און אזוי ווייטער. האט איהם ר' יונה געזאגט, לאמיר דיך פרעגן, אז היתכן אז פון אלע דיינע שיעורים האסטו נישט קיין שיעור אויף שבת, צו שבת בייטאג אדער אינדערפרי, איך בין מציע זאלסט זיך מאכען א שיעור אויף שבת און דאס גייט דיך העלפען, און איך וועל דיר מסביר זיין פארוואס, ווייל דו באקלאגט זיך, אז דו ליידסט פון פחד, און ענגליש האט עס אסאך שיינע נעמען, דיפרעשע"ן, צו ענקזייעט"י סינדרו"ם, אבער ביי אונז הייסט עס מיט איין ווארט – עצבות כפשוטו, איז ממילא אויב דו וועסט לערנען די תורה וואס איז משמח את הלב, דוקא אין שבת א יום מנוחה ושמחה, ווען דו ביסט פריי, דיין מח איז פריי פון ארבעט, וועסטו דעמאלס לערנען תורה בשמחה, און וועסט נאך מוסיף זיין שיעורים. און אזוי זענען אדורך אפאר חדשים, און ר' יונה טרעפט נאכאמאל דעם תלמיד, און ער פרעגט איהם, וואס הערט זיך, ווי אזוי גייט עס, האט יענער געזאגט, ברוך השם אלץ איז בסדר, האט ר' יונה געפרעגט, און וואס איז וועגן דער פחד, האט ער געזאגט, א ישר כח, דאס האב איך שוין פון לאנג פארגעסן, האט ר' יונה מסביר געווען: דיין פראבלעם איז נישט געווען, אז דו האסט געהאט צופיל שיעורים, נאר די חסרון איז געווען דער וועג ווי אזוי מען לערנט, אז מען זאל לערנען מיט א שמחה און א חיות.

**אין** ספר דברי יונה [ח"ב אין די הקדמה] ווערט געברענגט: עס האט דערציילט א אינגערמאן, אז נאכען חתונה איז ער געגאנגען זיכען ארבעט, צו ברענגען פרנסה אין שטוב, און ער האט נישט געטראפען, איז ער געקומען צו ר' יונה אויסגיסען זיין הארץ, האט איהם ר' יונה געזאגט, האסטו געזען דער איד וואס איז נאר ערשט ארויס פון דא, דער איד איז א גרויסע גביר, עס פעלט איהם נישט קיין פרנסה, אבער וואס האט ער פון אלע זיינע געלט, ער האט נישט קיין נארמאלע ווייב, זיינע קינדער זענען ליידער נישט געזונד ר"ל, ווילסטו דיך טוישען מיט איהם?. פארשטייט זיך דער אינגערמאן האט נישט געדארפט מער פון דעם.

הרה"ח ר' שמואל בירנבוים שליט"א האט געזאגט אז עס זענען געווען פון די משפיעים אין נייטרא וואס האבען געהאלטען אז עס איז בעסער צו ארבעטן ביי א צווייטען רואיגערהייט, ווי צו אויפמאכען א אייגענע געשעפט, אבער ר' יונה האט כסדר מייעץ געווען זיינע תלמידים פארקערט, און ער פלעגט זיך אויסדריקען "אויף יענעמ'ס פאר הענט מאכט מען קנאפע געלט", און די וואס האבען איהם געפאלגט האבען זייער שטארק מכיר טובה געווען שפעטער.

ער האט יעדער איינער מדריך געווען לויט זיין תפקיד, איינער פון די עסקנים וואס ר' יונה פלעגט זיך באנוצען מיט איהם אויף שלום בית ענינים, האט זיך אמאל אראפגערעדט צו איהם, אז עס נעמט צופיל צייט פון איהם, און ער וואלט געוואלט מער לערנען, האט זיך ר' יונה אנגערופען צו איהם: לערנען קענען אנדערע בעסער פון דיר, אבער א פיסק האסטו א גוטע.

עס האט דערציילט הרב מיללער שליט"א אז נאך די מלחמה יארען האט ער אויפגעמאכט א חדר פאר די אויבעלענדישע קרייז, און נאך אפאר יאר איז זיך די חדר צופאלען, און ער איז געווען זייער צובראכען, האט איהם ר' יונה געזאגט: אין אמעריקא גייט מען נאך די סטייל, אונזער וועג איז נישט אין סטייל.

## יושב ראש פון "יד לאחים"

**אין** ספר הזכרון שטייט: אכטצען שעה א טאג איז ער געווען פארנומען מיט עבודת הכלל והפרט, און ער האט נישט איבערגעלאזט פאר זיך אפילו א רגע. אסאך מוסדות התורה והחסד האבען געזען אין איהם זייער מדריך און מייעץ, וואס ער איז געשטאנען צו זייערע רעכטע האנט. ער איז געווען דעם יושב ראש צו דער מוסד יד לאחים, און דעם טיטל יושב ראש איז נישט געווען א כבוד און א שררה נאר אן עבודות וואס ער איז געווען איבערגעגעבן צו זייערע פעולות, צו מחזיר זיין אידען בתשובה אין ארץ ישראל, און ער האט זיך אריינגעלייגט מיט זיין גאנצע נשמה און הארץ זיי צו העלפען מיט אלע פרטים, עד כאן מספר הזכרון.

**בנו** חורגו הצדיק ר' שלמה זצ"ל האט געזאגט, אז אן ר' יונה וואלט יד לאחים נישט עקזיסטירט אין אמעריקא, ער פלעגט זיך מטריח זיין גאנצע שעות און געוואלדיגע כוחות אן קיינע זאל וויסען פון דעם, ער פלעגט גיין צו ווייטע פלעצער שפעט ביינאכט צוזאמלען געלט לטובת דעם מוסד. ער האט געארבעט צוזאמען מיט הגה"צ ר' שלום שוואדראן זצ"ל, באקאנט אלס די ירושלים'דיגע מגיד, פאר יד לאחים, און ר' שלום האט מכיר טובה געווען, ר' שלום האט געגעבן זיינע ספרים וואס ער האט געדריקט פון זיין זיידע דער מהרש"ם פאר א מתנה צו ר' יונה, און אריינגעשריבען: לכבוד ידידנו וידיד בית ישראל וכו', ה"ר יונה הלוי פארסט שליט"א, בהוקרה, והחתימה.

## שפל וסבלן

**די** נייטרא רב זצ"ל האט געזאגט בים הספד: ר' יונה האט נישט געהאט קיין שייכות מיט די ענין פון כבוד, ער האט מכבד געווען יעדעם איינעם, אבער ער איז געווען א בורח מן הכבוד, און אויב ער האט געהאט עפעס כבוד האט ער עס באלד אוועקגעגעבן צו א צווייטע, און יענעמס כבוד איז געווען זיין כבוד.

### הרב הצדיק ר' שלמה זצ"ל האט דערציילט:

אז צו יעדער שמחה ווי ער פלעגט ווערן איינגעלאדענט האט ער געמאכט א תנאי כפול מיט דער בעל שמחה, אז מען זאל נישט געבען איהם קיין שום כיבוד, און בשעת די שמחה האט ער נאכאמאל געשיקט אנווארענען.

**דער** מנהג הקהילות איז צו געבן די רב פון די קהילה אויף שמחת תורה די עלי' פון חתן תורה, אבער ר' יונה האט געבעטען אז מען זאל איהם נישט געבן, און ווען עס האט נישט געהאלפען איז ער אנטלאפען און געגאנגען צו אנדערע בתי מדרשים, און ער האט מיך געזאגט, אז מען דארף דאך מחזק זיין אנדערע תלמידי חכמים אין בית המדרש. אין די לעצטע יאר פון זיין לעבן האב איך מחליט געווען איך פיר איהם נישט אוועק פון בית המדרש, פלוצלינג זע איך אז ער איז שוין נישט דא, זעט זיך אויס אז ער האט געטראפען אז א צווייטע זאל איהם נעמען.

**ער** פלעגט קיינמאל נישט זיצען אין פארענט אין בית המדרש נאר פון די זייט, און ווען עס פלעגט קומען אן אדם חשוב האט ער געהייסען מען זאלווארטען פאר יענעם פאר שמונה עשרה. ווען איך פלעג איהם ברענגען צו א מסיבה צו א שמחה, און איך האב געוואלט איהם שטיפען צו דער פארענט, האט ער אנגעהאלטען מיין הענט איך זאל עס נישט טון, האב איך איהם געזאגט, אז איך וויל אז דער בעל המסיבה, צו דער בעל שמחה זאל איהם זען אז ער איז דא, האט ער מיר געענטפערט: אז אויב ער דארף מיר זען, וועט ער מיר זען ווי איך בין.

**ער** פלעגט זאגען אין נייטרא ביהמ"ד דעם שבת הגדול און שבת שובה דרשה נאכמיטאג. אבער יעדער יאר פלעגט ער גיין דאווענען שחרית אין מאטערסדארף, צו הערן דעם דרשה פון מאטערסדארפער רב זצ"ל וואס פלעגט זאגען זיין דרשה שבת אינדערפרי, ווייל ר' יונה האט געזאגט, אז עס איז דא א חיוב צו הערן, און ער האט זיך נישט געשעמט איבערזאגען אין זיין דרשה וואס ער האט געהערט אינדערפרי אין דער נאמען פון די אנדערע רב.

**ווען** עס פלעגט הענגען צעטלעך אין בית המדרש אז ער גייט רעדן אין אנדערע פלעצער, פלעגט ער הייסען אראפרייסען די צעטלעך פון די וואנט, זאגענדיג, פארוואס דארפען זיי זיך מטריח זיין קומען מיך צו הערן. און ווען מיר פלעגן גיין צו אן אסיפה ווי ער האט

געדארפט זיין פון די ראשי המדברים, פלעגט ער זיך אויסדריקען צו מיר: אויב אנדערע וועלן אויסהערן מיר, ווייס איך נישט אויב עס גייט אויפטון, אבער עס איז כדאי צו גיין, ווייל אפשר וועל איך זוכה צו הערן וואס וועט מיך מחזק זיין אין עבודת ה', און נאך די אסיפה פלעגט ער מיר זאגען מיט שמחה: ברוך השם עס האט זיך געלוינט צו הערן.

**ביי** שלש סעודות ווי ער פלעגט האבען דעם קביעות פון רעדן אין בית המדרש, און אסאך אידען פלעגן שעפן פון דעם חיזוק והתעוררות פאר א גאנצע וואך, פונדעסטוועגן האט ער געהאפט ווען עס גייט קומען א אדם חשוב א תלמיד חכם אז ער איהם קענען מכבד זיין צו רעדן, אזוי ער זאל אויך קענען הערן, און ווען עס איז געווען צוויי וואכען אין א צי, געסט וואס פלעגן רעדן, איז ער ממש געווען גליקלאך. און צומאל ווען איינער פון די מתפללים האבען געהאט יארצייט אויף שבת, האט ער איהם מכבד געווען צו רעדן, טראץ וואס דער עולם איז נישט געווען צופרידען, ווייל ער איז געווען גליקלאך צו הערן פון א צווייטער.

**עס** איז געווען א בחור וואס האט מצער געווען ר' יונה מיט חוצפה און עזות, פלעגט ער רופען אינמיטען פון דער נאכט און שרייען אויף איהם, און ר' יונה פלעגט איהם אויסהערן מיט סבלנות און גארנישט געזאגט, ביז איין נאכמיטאג איז דער בחור געקומען און געבעטן מחילה מיט א קאלטקייט, האט ר' יונה איהם געענטפערט, אוודאי בין איך מוחל דיך, אבער בתנאי אז דו וועסט נישט טון אזעלכע זאכען צו קיין שום מענטש.

**ר' צבי דוב איצקאוויטש שליט"א** שרייבט: א חלק פון זיין עבודה איז געווען הכנעה און אנטלויפען פון כבוד, ער האט זיך מכניע געווען פאר יעדער קינד, און טאמער עס איז געקומען א גאסט אין בית המדרש איז ער שוין צו געפארען מיט דעם 'וויל טשער' און מקדים געווען שלום פאר יענעם. און ביי יעדער שמחה האט ער אנגעזאגט פאר דעם בעל שמחה דאס מען זאל איהם בשום אופן נישט מכבד זיין מיט גארנישט.

**הגאון ר' אברהם חיים שפיטצער זצ"ל** שרייבט: אז ער איז געווען א גרויסע גאון אין באהאלטען זיך און אלע זיינע גרויסע מעלות און מעשים ממש באופן פלא, און אלס וואס מיר דערציילען און וויסען וועגן איהם, איז נאר דעם חלק וואס ער האט שוין נישט געקענט באהאלטען פון דעם מענטשליכע אויג, ווייל סוף סוף איז ער דאך רוב שעות פון טאג געווען ארומגענומען מיט פארשידענע מענטשען, איז אקעגן זיין ווילען, אביסעל אנטפלעקט געווארען, ווייל ביי איהם איז ער געווען פאר זיך בטל ומבוטל ווי א חרס הנשבר, און אלע עניני הכבוד און לויב זענען ביי איהם געווען ווי א געלעכטער.

**אין** דברי יונה [ח"ב אין די הקדמה] שטייט: עס איז געווען בשעת די לוי' פון די סקולענער רבי זצ"ל, און די ציבור איז געשטאנען און געווארט ביז די לוי' איז ארויס, און כדרך העולם איז די ציבור געשטאנען און געשמועסט אין עניני דעלמא, אבער ר' יונה האט דארטען געווארט אליינס ווען ער האט געוויינט און געוויינט אן אן אויפהער. און נאך די לוי' איז ער געגאנגען זאגען די יום כיפור קטן אין נייטרא בית המדרש, עס איז געווען ערב ראש חודש אלול, און ער האט עס געזאגט מיט אזעלכע בכיות, וואס מען האט געקענט טראכטען אז ער איז דער גרעסטער חוטא אין דער וועלט, און נאכדעם האט ער געזאגט די באקאנטע ערב ראש חודש אלול דרשה, וואס איז געדרוקט אין דברי יונה [ח"א].

**הגה"צ ר' יעקב פינחס גארענליק זצ"ל** די משגיח פון די ישיבה, האט געזאגט: אז מען וויל אפטייטשען ר' יונה'ס ארבעט אין די ישיבה, איז דעם אויסדריק וואס ר' יונה פלעגט כסדר זיך באנוצען ביי מיטונגען מיט די מגידי שיעורים און מיט די הנהלת הישיבה מיט די לשון "וואס קען איך נאך באדינען דעם עולם", ווייל ער האט געזען זיין גאנצע שטעלע ווי א משמש.

## עבודת התפלה

**אין** די הקדמה פון די סידור תפילת יונה [מיטען פירוש פון יסוד ושורש העבודה, וואס איז ארויסגעגעבען געווארען לעילוי נשמתו פון ר' יונה דורך זיין בן חורגו הרה"צ ר' שלמה זצ"ל] שרייבט זיין בן חורגו הצדיק ר' שלמה זצ"ל: פאר די רבים און די ברייטע ציבור איז ער נישט געווען אזוי באוויסט מיט זיין כח התפילה, אבער פאר די וואס זענען געווען נאנט צו איהם האבען געזען זיין כח אין עבודת התפילה. און איך וועל דא מציין זיין איין דוגמא, ווען אידען פלעגן קומען צו איהם פאר עצות אין עניני רפואה אדער אנדערע פראבלעמען, איז תוך הדברים פלעגט ער פרעגן פאר די נאמען פון דער וואס דארף די ישועה, און זיין כונה איז געווען צו דאווענען פאר יענעם, אין א צייט וואס יענער האט גארנישט געכאפט פונדעם.

**און** נישט נאר אין א עת צרה ר"ל האט מען געזען זיין התקשרות צו תפילה, נאר מען קען דאס זען פון זיין טאג טעגליכע הנהגה, די חשיבות וואס ער האט געהאט פאר תפילה, וואס טראץ ער איז געווען געבינדען צו א ווילטשער, און נישט געקענט גיין אליינס, און ער איז שטענדיג געווען תלוי ביד אחרים אז זיי זאלען איהם פירען, ווי פאר יעדער תפילה האט ער געדארפט אנקומען צו טובות, און א חוץ זיין שוואכקייט, איז ער אויפגעשטאנען מיט א זריזות בהשכמה צו גיין אין בית המדרש, און ער איז נישט געווען צופרידען מיט זיין פון די עשרה ראשונים, נאר ער האט משתדל געווען צו זיין דאס ערשטע אין ביהמ"ד! דאס ווייזט אונז ווי חשוב די תפילה איז געווען ביי איהם, און אויפדעם פלעגט ער כסדר מוכיח זיין אין זיינע דרשות אז מען זאל זהיר אין כבוד התפילה, צו קומען בזריזות אין צייט צום דאווענען, און צו דאווענען מיט כונה פון טיפען הארץ.

**און** הגם אז בדרך כלל האט ר' יונה באהאלטען זיינע אינערליכע הרגשים ביים דאווענען, אבער אין געוויסע צייטען האט זיך די הרגשים איבערגעגאסען אינדרויסען, צו ביי תפילת יום כיפור קטן יעדער ערב ראש חודש, ווי ער פלעגט זיצען ביים טיר פון ביהמ"ד און זיין פנים האט געפלאקערט ווי א פייער, און ווי קענען מיר נישט פארגעסן ווי אזוי ער פלעגט אויסברעכן מיט היסטערישע בכיות ביי תפילה זכה כל נדרי נאכט, און אסאך האבען זיך געווינדערט וואס האט דער איד אזויפיל געזינדיגט אז ער וויינט אזוי, נאר די וואס האבען געוויסט ווי אזוי אויף זיינע שוואכע אקסלען האט ער געטראגען די צרות פון אידישע קינדער, איז דאס נישט געווען ווינדער.

**אויף** זיינע גרויסע השתוקקות אויף עבודת התפילה, איז מעיד וואס ער האט זיך אמאל אויסגעדריקט: ווען איך וואלט געהאט צייט און נישט געווען טרוד מיט צרכי ציבור דא אין אמעריקא, וואלט איך געפארען צו ארץ ישראל, כדי צו לערנען דארטען ווי אזוי צו דאווענען מיט א אמת'ע תמימות ווי עס דארף צו זיין, טראכטס אריין, מען רעדט וועגן א צובראכענע איד, וואס יעדער תפילה קומט איהם אן מיט מסירות נפש, און דאווענט מיט השתפכות הנפש, און ער איז נאך אלץ נישט צופרידען, און ער וויל פארען צו ארץ ישראל זיך לערנען בעסער צו דאווענען.

**זיין תלמיד הרה"ח ר' יוסף בערגמאן שליט"א האט דערציילט:**

**אז** איינמאל אויפען וועג צום שפיטאל מיט זיין פרוי צו האבען א קינד, איז ער אריין צו ר' יונה אז ער זאל דאווענען פאר זיי אז עס זאל גיין בניקל, און דערנאך איז די קינד געבוירען געווארען בשעה טובה ומוצלחת, איז ביז דערווייל איז דורכגעגאנגען א פאר שעה ביז ער איז צוריק' אנגעקומען צו ר' יונה איהם צו לאזען וויסען די בשורה, איז ווען ער איז אריין אין שטוב מודיע זיין די בשורה טובה, האט ר' יונה צוגעמאכט זיין תהלים, און שנעל געגאנגען צום צווייטער צימער, און גערופען די רבצין, אז מען קען שוין אויפהערן זאגן תהלים, עס איז שוין ברוך השם געבוירען געווארען. דאס הייסט, אז א גאנצע צייט ביז דעמאלס האבען זיי געדאווענט פאר איהם.

## קבלת יסורין באהבה

**נייטרא רב זצ"ל האט געזאגט ביים הספד:**

**טראץ** וואס זיין לעבן איז געווען פיל מיט צער, און מען קען זאגען אז ער האט א גוטען טאג נישט געהאט אויף דער וועלט, האט ער אלץ מקבל געווען בשמחה, און ער האט זיך קיינמאל נישט מתרעם געווען, מאר גאר פארקערט, זיין גאנצע שמחה איז געווען ווען ער האט געקענט טון עפעס פאר די רבש"ע, פאר די תורה, פאר כלל ישראל.

**הגה"צ ר' אברהם חיים שפיטצער זצ"ל שרייבט**

**עס** איז נישט דא קיין פעדער, טינט און פאפיער, וואס זאלען קענען אויסדרוקען זיין גדלות, פון זיין מקבל זיין זיינע געוואלדיגע יסורים, און שווערע מצבים וואס האט איהם כסדר ארום גענומען, מיט א אהבה גמורה, און שטענדיג געווען מיט א שמחה און א רואיגקייט, כאילו זיין מצב איז געווען אינגאנצען מסודר, און עס פעלט איהם גארנישט.

**אין דברי יונה [ח"ב אין הקדמה] ווערט געברענגט: ווער עס האט אמאל געהערט ווי אזוי ער פלעגט זינגען אין שמחת תורה דער ניגון "אין כאלקינו" מיט דער איבערזעצונג אין אידיש "נישט דא אזא גאט ווי אונזער גאט" האט דאס קיינמאל נישט פארגעסן. עס דערציילט איינער פון די תלמידים: אז זיין זין [הבחור נתן קאליש ע"ה] איז געווען א חולה מסוכן ר"ל, און אינדעם קינדס לעצטען טאג פון זיין לעבן, האט ער געבעטען פון זיין טאטע, אויב ער געדענקט די ניגון אין כאלקינו פון ר' יונה, און ער האט עס אנגעפאנגען צו זינגען, און מיט דעם האט זיך דער קינד מחזק געווען דעם לעצטען טאג אין זיין לעבן.**

**ר'** יונה האט אמאל פארגעלערנט די גמרא אין ברכות פרק ט' כשם שמברך על הטובה כך מברך על הרעה, אז מען דארף מאכען די ברכה דיין האמת בשמחה, און זיין תלמיד הרה"ח ר' יצחק טענעבוים שליט"א האט איהם געפרעגט וואס איז פשט, האט ר' יונה געזאגט אז ער פארשטייט נישט די שאלה, האט ר' יצחק געזאגט, למשל די רבי וואס איז פאראלאזירט אויפען פיס, איז די רבי צופרידען מיט דעם, האט ר' יונה געענטפערט אויפען פלאץ: בודאי, ווייסטו דען וויפיל געלט איך מאך פאר די ישיבה, ווייל מען האט רחמנות אויף מיר, אודאי דארף מען זיך פרייען!

**הרה"ח ר' צבי דוב איצקאוויטש שליט"א שרייבט**

און ווען מיר דערמאנען זיך ווי אזוי ער פלעגט ארום גיין ביי די הקפות און אויך ווען ער פלעגט זינגען אין כאלקינו מיט אזא התלהבות, מען האט געזען ווי ער איז אדורך געדרעגנען דורך און דורך מיט אמונה און בטחון "ואמונתך סביבותיך" איז ממילא נישט קיין חידוש דאס ער האט געקענט מחזק זיין אידען צו אמונה און בטחון.

## שמירת הלשון

**הגאון ר' מענדל אונגאר שליט"א**
**(אב"ד בית המדרש נייטרא ב.פ. לאברכים, וראש כולל בית יונה דווילאמסבורג)**
**האט פארציילט ביים מלוה מלכה אין כולל, מוצש"ק פ' ויחי תשע"א לפ"ק**

ר' יונה איז געווען זייער זהיר אין שמירת הלשון, און דאס איז באמת א פלא, ווייל ער איז דאך געווען אזוי מעורב בין הבריות, און געהאט א שייכות און געהאנדלט מיט טויזנטער מענטשן, לצורך די ישיבה און די תלמידים, און ארויסהעלפן אויסגלייכען חילוקי דיעות, פונדעסטוועגען איז זיין רעדן געווען ריין – קב ונקי. ער האט אייביג תובע געווען אויף אפהיטען דאס מויל, און יעדער מיטוואך נאכט פלעגט ער געבן א שיעור אין בית המדרש אין חפץ חיים הלכות שמירת הלשון.

**הגאון ר' אלי' קרויס שליט"א [ר"מ ישיבת אוהל תורה]**

האט געזאגט: ביי ר' יונה האט מען געפילט ווי מען זאגט אין ברוך שאמר "בלשון חסידיו ועבדיו" עס איז דא א באזינדערע אידעלע שפראך וואס באלאנגט צו חסידיו ועבדיו, און דאס איז געווען די גאלדענע צינג פון ר' יונה, ווי ער האט אייביג גערעדט מיט א אידעלע און דערהויבענע שפראך.

## עבודת ה' מיט מסירות נפש

**די סאדאווונער רב הגה"צ ר' ירחמיאל ישראל סעקולא זצ"ל**
**האט געזאגט ביים הספד**

**ר'** יונה איז געווען א פרשה סתומה, ווי אזוי קען זיין אז א איד וואס האט נישט געקענט גיין און שטיין אויף זיין פיס, און מען האט איהם געדארפט פירען מיט א ווילטשער, א מענטש וואס איז געווען ל"ע מדוכא ביסורים, ער האט נישט געהאט א גוטען טאג אין זיין לעבן, זאל זיך קענען דערהייבען צו אזעלכע גרויסע מדריגות, ער זאל זיין א רץ כצבי, ער איז ממש געלאפען, ער איז אנגעקומען אסאך ווייטער ווי אנדערע קומען אן מיט זייערע געזונטע פיס, ער איז געווען דעם רץ כצבי וגבור כארי, צו לעשות רצון אביך שבשמים, עס האט נישט קיין הסבר בדרך הטבע ווי אזוי עס האט געקענט זיין, עס איז געווען א סייעתא דשמיא למעלה מן הטבע.

**אין** ספר הזכרון שטייט: מיר האבן געזעהן ביי איהם א דבר חידוש, אז דאס ווייניג עסען, וואס אסאך מאל האבען מיר געזען ווי ער האט כמעט גארנישט געגעסען אגאנצע טאג, און דאס ביסעל וואס מען האט איהם געברענגט האט ער רוב איבערגעלאזט, און וואס ער האט כמעט גארנישט געשלאפען, האט עס אויף איהם בכלל נישט געלאזט קיין רושם, און ער האט אויסגעזען ווי א אויסגערוטע, און א זאטע מענטש, מיט דע גאנצע רואיגקייט, און מקבל געווען יעדער איינער בסבר פנים יפות.

**הרה"ח ר' צבי דוב הלוי איצקאוויטש שליט"א שרייבט**

**אין** די גרעסטע קעלט האט מען איהם שבת צום דאווענען, ער איז געגאנגען אין די מקוה יעדער שבת צופרי, כאטש ער איז שוין געגאנגען ערב שבת, און מיט וואס פארא זריזות האט ער זיך גע'טובל'ט [וואס איז געווען א מסירות נפש, סיי מצד וואס ער האט נישט געקענט גיין אויפען פיס, און סיי מצד זיין שוואכער גוף], אבער אז דער גוף איז אויסגעארבעט פאר השי"ת איז נישט דא קיין שוועריגקייטען.

**בנו חורגו הרב הצדיק ר' שלמה זצ"ל האט פארציילט**

אז אמאל האט זיך געמאכט אויף שבת שובה, האט ער נישט געקענט גיין צו די מקוה אינדערפרי פארן דאווענען, ווייל דער ערל וואס פלעגט איהם נעמען שבת צום דאווענען האט זיך פארשפעטיגט, און ר' יונה האט נישט געוואלט זאגען דעם שבת שובה דרשה נאכמיטאג ביז ער גייט אין מקוה, און עס האט נישט געהאלפען אלע טענות, אז די מקוה איז קאלט, און עס איז טינקעל ווייל די לעקטער איז שוין געווען נאכמיטאג אויסגעלאשען, און עס איז א סכנה, אבער איך איב איהם טראץ דעם אלץ געמוזט נעמען אין מקוה. דער סקולענער רבי זצ"ל האט זיך אויסגעדריקט צו מיר אז מען קען נתעורר ווערן בתשובה צוקוקענדיג ווי אזוי ער גייט אין מקוה.

**די נייטרא רב זצ"ל האט געזאגט ביים הספד**

**זיין** גאנצע לעבן האט ער געלעבט מיט מסירות נפש, א חוץ פון די מסירות הגוף, וואס ער האט אין גאנצען אוועקגעגעבען זיין גוף לטובת הכלל והפרט, אוועקגעבן גאנצע טעג אן שלאפען און אן עסען, איז אבער מער פונדעם איז געווען זיין מסירות נפש, ער האט מיר אמאל געזאגט: גלייב מיר איך בין שוין שוואך און אויסגעמוטשערט, אבער ביז דערוויל האב איך נאך גארנישט געטון פאר מיר, איך האב געטראכט אפשר צו פארען אין ארץ ישראל, דארטען אנצופאנגען אביסעל לערנען, אביסעל דאווענען, און אויסלעבן די איבריגע יארען מיט ערליכקייט און יראת שמים. הפלא ופלא, א איד וואס איז געווען א שטיק מסירות נפש, פארן רבש"ע, א גאון אין לערנען, מסירות נפש פאר יעדער תפילה, מעורר געווען יהודים צו תשובה, און ער טראכט אז ער האט נאך גארנישט געטון פאר זיין נשמה. אבער פונדעסטוועגן האט ער עס נישט געטון, ער איז נישט ארויף קיין ארץ ישראל, און פארוואס נישט, ווייל ער האט זיך מקריב געווען פארן כלל אינגאנצען, דאס איז געווען מסירות הגוף והנפש פאר כלל ישראל.

**אין** די לעצטע טעג פון זיין לעבן ווען ער האט געליגען אין יסורי איוב, האט בנו חורגו הצדיק ר' שלמה זצ"ל געהערט ווי ר' יונה מורמעלט צו זיך און ער זאגט "אוי איך זאל נאר מקדש שם שמים זיין, ח"ו נישט מחלל שם שמים זיין" און אזוי האט ער איבער גע'חזר'ט אפאר מאל, ווייל דאס איז געווען די שאיפה פון זיין לעבן.

## כולל בית יונה – בעיר ווילאמסבורג

**איינער** פון די מוסדות וואס ר' יונה האט שטארק געשטיצט, און אנגעגאנגען אין לעבן איז דער כולל אברכים פון נייטרא, אין ווילאמסבורג, געפירט דורך די ראש הכולל הגאון ר' מענדל אונגאר שליט"א, און ר' מענדל דערציילט, ווי אזוי טראצדעם וואס די כולל יענער יארען איז געווען אויף די דריטע שטאק, פלעגט ר' יונה צוויי מאל א יאר ארויפקומען צום כולל, צו מחזק זיין די בני הכולל, און רעדן צו זיי. און נאך די פטירה פון ר' יונה האט מען געגעבען א נאמען פאר דעם כולל "בית יונה" על שם ר' יונה זצ"ל.

## גדולי ישראל אויף ר' יונה זצוק"ל

**ווען** די צווייטע וועלט מלחמה האט זיך אויסגעבראכען, און מען האט אנגעפאנגען צו אנטלויפען, האט זיך זיין רבי דער נייטרא רב ר' שמואל דוד זצ"ל געבעטען אז מען זאל מאכען זיכער אז מען זאל נישט איבערלאזען ר' יונה, ווייל ער איז א קדוש, און מען דארף איהם ראטעווען. (מפי בנו ר' שלום משה זצ"ל) [מען האט שוין פריער געברענגט דעם בריף פון ר' מיכאל בער, אז ראטעווען דעם בחור הצדיק ר' יונה וועט האבען א גרעסערע חלק אין עולם הבא ווי ער ראטעוועט מיך און מיין משפחה].

**הרה"ק מסטפראקוב זצוק"ל**

**מרן** ר' מיכאל בער ווייסמאנדעל זצ"ל האט דערציילט, אז ער האט געהערט ווי די סטראפקיבער רבי זצ"ל, [וואס איז געווען ידוע פאר א בעל מופת] האט גערעדט צו זיך אינמיטען ליינען קוויטלעך, און געזאגט: ווי קען איך נעמען קוויטלעך, יונה פארסט איז גרעסער פון מיר, ער קען נעמען קוויטלעך. ר' יונה האט אמאל געדאוונט ביי איהם יום כיפור אין ווילאמסבורג, און ר' יונה איז געבליבען דארטען א גאנצע נאכט, און דער פרי האט די רבי גערופען ר' יונה צו זיך, און איהם געזאגט: איך וויל אייך זאגען, איך האב אייך זייער ליב און וויל אייך בענטשען, און ער האט געלייגט זיינע צוויי הענט און איהם געבענטשט.

**הגה"צ ר' יונתן שטייף זצ"ל**

**די** רבצין ז"ל האט דערציילט: אז נאכן חתונה מיט ר' יונה איז זי געווען ביי הגה"צ ר' יונתן שטייף זצ"ל, און זי האט איהם געבעטען פאר א ברכה, האט ער געזאגט: אויב איהר האט ר' יונה ביי אייך אין שטוב, האט איהר די ברכה אליינס.

**הרה"צ מאמשינאווא זצוק"ל**

**די** אמשינאווער רבי ר' שמעון שלום זצ"ל איז געווען אין מאונט קיסקא און געפירט טישען, האט געזאגט צו ר' יונה, די זענען דא פארהאן אסאך גאונים וצדיקים, אבער איך קען איך רופען מיט א לשון "דו" אלץ היימישע.

**הרה"ק מקאפיטשניץ זצ"ל**

ר' יונה איז אמאל געווען ביי א רייכע פרוי זאמלען געלט פאר די ישיבה, אבער די פרוי האט געזאגט, אז זי גיט אלע איהר געלט צום קאפיטשניצער רבי ר' אברהם יהושע העשיל זצ"ל, האט ר' יונה איהר געזאגט, רופסט אן די רבי, און פרעגט איהם, צו איהר זאלט געבן געלט פאר מיר, און אזוי האט זי געטון, און די רבי האט געזאגט, וויפיל דער איד בעטן פון אייך זאלט איהר געבן.

**הרה"ק מריבניץ זצוק"ל**

**ווען** די ריבניצער רבי זצ"ל איז געווען אין סיגעט, איז ר' יונה געפארען דארטען, און געווארטען אינדרויסען אויף אריינצוגיין, און אינמיטען איז דע ריבניצער רבי, ארויסגעגאנגען, און דערקענט ווי ר' יונה זיצט דארטען און ווארט, איז דער רבי באלד צוגעלאפען און זיך ממש געווארפען אויף די ערד, בעטענדיג מחילה אז ער האט געדארפט ווארטען.

### הגה"צ ר' אהרן קאטלער זצ"ל

בנו חורגו הצדיק ר' שלמה זצ"ל דערציילט: איך בין געווען ביי א חתונה פון א נייטרע תלמיד, וואס האט אויך געלערענט אין לייקוואד, איז דארטען אויך געווען הגאון הגדול ר' אהרן קוטלר זצ"ל, און ר' אהרן האט געגעבען שלום פאר ר' יונה, שפעטער האט ר' אהרן געזאגט פארען חתן, איך וויל זייער שטארק קענען דעם איד, אבער ליידער איז דאס געווען נאנט צו ר' אהרן'ס פטירה.

### הגה"צ ר' יעקב הארענשטיין זצ"ל

הגאון ר' יעקב הארענשטיין זצ"ל פון די משפיעים פון נייטרא ישיבה, האט זיך אמאל אויסגעדריקט ארויס צוברענגען זיין ליבשאפט צו ר' יונה: אויב ר' יונה וואלט געדארפט אדורך גיין א טייך וואסער, און עס וואלט נישט געווען א בריק, וואלט איך זיך געבייגט אז ר' יונה זאל אריבערגיין אויף מיר.

### הרה"ק בעל אמרי אמת מגור זצוק"ל

**עס** האט פארציילט זיגמונד פירסט געווען ער איז געווען רבי אשר זעליג פארסט זכרונו לברכה פון וויען, דער עלטצטער ברידער פון הגה"צ רבי יונה זצ"ל, ער איז אפגעזיצן ביי הרב ר' מיכאל בער זצ"ל יעדן טאג אגאנצן טאג אין די ערשטע צייטן.

**רבי** אשר (ווי מען האט אים גערופען) איז געווען א שיינע תלמיד חכם, מען האט געקענט הערן פון אים חידושים גג על גג ווען ער איז שוין געווען אין די הויכע נייניציגער יארען. ער האט געהאט א מח עצום, אויסטערליש קלוג, געווען דער בן סודו פון רבי מיכאל בער זצ"ל וואס זיי האבען זיך פארשטאנען אויפען ווינק. רבי אשר איז געווען פון די מייסדים פון דער וויענער קהלה אין ווילאמסבורג; געווען דער וואס האט על פי עצת רבי מיכאל בער איבערגעוויגט די קהלה אויף צו נעמען הגאון המפורסם רבי יונתן שטייף זצ"ל אלץ רב אין זייער קהלה. געווען אויך דער ווארטזאגער פון רבי מיכאל בער און פון די נייטרא ישיבה, רבי אשר האט דערלעבט א שיבה טובה, געזונט און שטארק בדעת צלילה ביז 102 יאר.

**ער** האט דערציילט אז ער האט געמאכט זיין ברודער הגה"צ רבי יונה זצ"ל פאר א גערער חסיד, געווען איז דער אמרי אמת אין וויען, און ביים באגלייטען אים ארויף אויפען באן, איז געווען א שטיקעל שטרעקע וואס מען האט נישט געלאזט דער עולם מיט גיין (אזוי ווי היינט ביי די עירפארטס), און דער אמרי אמת איז געגאנגען אליין, שטארק פארטיפט און פארקאכט אין זיינע הייליגע מחשבות און רעיונות, אזוי גייענדיג און זעהן'דיג די דאזיגע מראה, רופט זיך און רבי אשר צום ברודער "**דאס איז א רבי**"! עס איז אזוי אריין אין דיביינער פון רבי יונה זצ"ל, אז ער איז געווארען א גערער חסיד און געפארען צום אמרי אמת קיין גער (דער שטאט גער) אויף ימים טובים.

**ער** האט אויך פארציילט וויאזוי רבי יונה האט זיך געשלעפט קיין גער; פארענדיג אדער זיך מיטכאפענדיג קיין קראקא, איין שטייענדיג דארט ביי דער טשארטקעווער רבי און פון דארט זיך געשלעפט קיין גער. יא, דער טשארקעווער רבי האט אים פארשאפט די געלט צו פארען און נישט געהאט פאראיבעל אז ער בלייבט נישט ביי אים.

## תלמידים אויף זייער רבי'ן

### הגאון ר' מענדל אונגאר שליט"א

האט געזאגט: אין ר' יונה'ס דמות האבען מיר געזען א בליק פון דער געשטאלט פון די פריערדיגע צדיקים, ווייל אלע זיינע מעשים זענען געווען בלתי לה' לבדו.

### כ"ק אדמו"ר מוויען שליט"א

**שרייבט:** זכרתי ימים מקדם ווען איך האב זוכה געווען צו שעפן אביסעל פון די קוואלען פון חכמה פון דעם גרויסען גאון און צדיק וואס איז געווען ווי א מעיין המגבר אין תורה, און בעיקר אין זיין צדקות און ריינע הארץ מיט זיינע דערהויבענע מידות וואס ער איז געווען פון די יחידי סגולה אין אונזערע צייטען. און אויך אן רעדן און אן ווערטער בלי נשמע קולו, איז זיין מציאות אליינס געווען כולו אומר כבוד, און געשטאלט האט משפיע געווען יראת שמים אויף אלע ארומיגע, און אודאי ווען ער האט אויפגעמאכט זיין מויל מיט דברי תורה, זענען די ווערטער געווען ליכטיגע און פרייליכע, מיט א זיסקייט פון חן וחסד אשר הוצק בשפתותיו, ואחת היתה יונתי תמתי כאשר היתה דבר ה' אל יונה.

### הגה"צ ר' הלל וויינבערגער שליט"א דומ"ץ נייטרא מאונט קיסקא

**שרייבט:** הגם עס איז שוין אדורך צען יאר זינט דער פטירה, פונדעסטוועגן שטייט נאך פאר אונזערע אויגען זיין ווונדערליכע געשטאלט אין פילקייט, די שיין פון זיין פנים, די איידעלקייט פון זיין רוח און נפש, מיט די גאנצע שיינקייט, דאס איז א ראיה אז זיין קשר מיט כלל ישראל, איז נישט צייט ווייליג, זיין קלארע זכר וועט בלייבען איינגעקריצט אין די הארץ פון זיינע תלמידים פאר אייביג.

**טון** עס איז דא אסאך סיבות אויפדעם, ער האט געהאט אסאך תכונות, וואס דורך זיי איז ער געווארען באליבט אויף אלעמען, א גאון בתורה און יראה, א גאון אין מידות, א נאה דורש ומקיים, א פקח, נעים הליכות, א סבלן, א מדוכה ביסורים וואס ער האט זיך קיינמאל נישט מתרעם געווען אויף זיי, וכו' וכו', דאס אלעס איז זיך צוזאמען געקומען ביי איהם צו איין חטיבה, א כליל המעלות, חכם לב, א יחיד אין כשרונות אין אלע שטחי החיים, די גדלות הנפש זיינע האט ארויסגעשפראצט פון איהם מיט די גאנצע שטארקייט, און עס האט איהם אוועקגעשטעלט פאר אלעמען ווי אן איש על העדה, וואס איז משכמו ולמעלה.

**אבער** איך מיין אז די עיקר יסודת'דיגע סיבה, וואס האט איהם באליבט געמאכט, האט שוין די חכם מכל אדם מגלה געווען, אין משלי (כ"ז) כמים פנים לפנים כן לב האדם לאדם, די אהבת הבריות וואס האט געברענט אין איהם איז געווען אין סוף, אן א גרעניץ, עס איז אפילו נישט ריכטיג צו זאגען, אז ער האט ליב געהאט קליינער ווי גרויסער, ווייל ביי איהם האט בכלל נישט עקזעסטירט די בחינה פון קליין, ער האט געהאט א ווארעם און סענסעטיווע הארץ, און שטענדיג משתדל געווען צו מחזק זיין צובראכענע הערצער, גאזארגט פאר זיי, און געוויטעגט זייער וויטאג, און דער טבעיות'דיגע אהבה וואס איז געווען איינגעווארצעלט אין איהם צו יעדער איינצעלע איד, דאס האט איהם געמאכט פאר א מאגנעט אז מענטשען זאלען איהם מעריץ זיין.

ר' יונה איז געווען באוויסט פאר די אלא וואס האבען איהם געקענט, אז ער האט ממזג געווען דעם הוה מיט די עבר, עס איז איהם געווען קלאר די תולדות פון די מאורי הדורות, און זיך באקענט מיט זייערע וועגן, און זיי האבען אויסגעטראטען זיינע וועגן, זיין גוף איז געגאנגען אויף אמעריקא, אבער זיין הארץ, רוח, און מוח האבען געשוועבט אין די חצרות טשארטקוב, גער, נייטרא, חכמי לובלין, און נאך ארזי הלבנון, דמויות נסוכות הוד, וואס האבען זיך ארום געדרייט אין די פלעצער, זיי זענען געווען די שטרעבונג פון זיין לעבן, צו זייער ליכט איז ער געגאנגען, און אין זייערע וועגן האט ער געטראטען, און ער אליינס איז געווארען אן אכסניא פאר זייערע תורה, און פעולות פון צדקות. און בפרט איז דאס געווען א מעלה פאר אונזערע דור ווי עס איז אפגעהאקט געווארען די קשר צו די דורות הראשונים, דאס איז א עיקר צו וויסען מה עשו הדורות הראשונים, אז דער אייבערשטער האט אין זיי געגעלוסט, און זיך לערנען פון זייערע וועגן, וואס איז דא אין זיי חכמה און קדושה יתירה.

### הרב יוסף בראדי שליט"א

**האט** געשריבען: אפילו נאך צען יאר פון זיין פטירה פיל איך נאך ווי ער שטייט לעבן מיך, איך הער איהם נאך ווי ער נעמט ארום א שאלה, איך זע איהם נאך מאכען דעם תנועה מיט זיין הענט ארויסצוברענגען א נקודה.

**מיין** זכרון ברענגט מיך צוריק, ווען מיר זענען צוריקגעקומען פון די לאגערען נאך די מלחמה, און מיר האבען זיך געטראפען אין פרעשבורג, און פארברענגט צוזאמען א גאנצע נאכט, שמועסענדיג מזל און אמונה, גלות און גאולה. צו מיך איז ער געווען א נס בתוך נס, ווייל צו דורכלעבן א קראנקע איז נישט געהערט געווארען.

**וואס** האט מיך דער מערסטע באאיינדרוקט, איז נישט געווען זיין גדלות בתורה, אדער זיין שטארקע אמונה און בטחון, אדער זיין ליבשאפט פאר א צווייטע איד, וואס ער איז געווען אנגעזאפט מיט די אלע מעלות, נאר עס איז געווען זיין, נישט טראכטען וועגן זיך וואס איך האב אפגעשאצט, ער האט קיינמאל נישט געזוכט פאר כבוד, אדער מען זאל איהם אנערקענען, ער האט אסאך געליטען זיין גאנצע לעבן, אבער ער האט ק'יינמאל נישט געקרעכצט פאר זיך.

**ער** איז געווען שוואך אבער שטארק, קליין אין גוף, אבער גרויס אין רוח, ווייך אבער הארט ווי אייזען, צוגעהערט אבער א פירער, א ירא אבער נישט מורא געהאט, באדינער און האר אין דער זעלבע צייט, כאטש וואס ער האט נישט געקענט שטיין אויף זיינע פיס, האט ער געקענט ריקען בערג.

## יונה מצאה בו מנוח

**אינעם** זעכציגסטן יאהר פון זיין לעבן, האט רבי יונה געליטן פון א הארץ אטאק, אבער וויבאלד ער האט זיך געשטארקט נאך א צייט און צוריק געקומען צו זיינע כוחות, האט ער זיך צוריק געקערט צו זיין הייליגע ארבעט אזוי ווי פריער, ווינטער שנת תשמ"ג, ביי די יערליכע מלוה מלכה פאר די נייטרא ישיבה, איז געווען דאס לעצטע מאל רבי יונה האט ערשינען פארן ציבור, זיין דרשה האט דעמאלס אויפגעטרייסלט דאס הארץ פון אלע צוהערער, אפאר טאג שפעטער האט ער זיך נישט גוט געפילט און אפגעפירט געווארן צום דאקטער וועלכער האט געהייסן אריבער גיין זייער א שווערע און קאמפליצירטע אפעראציע, ווייל זיין צושטאנד איז און געפאר, און זיין צושטאנד איז טאקע שווערער געווארן און מער נישט אויפגעשטאנען פון די קרענק בעו"ה.

**מיטן** אנקום פונעם שבת קודש פרשת ויחי, ט"ז טבת תשמ"ג לפ"ק, איז די נשמה פון רבי יונה ארויף אין הימל, ויונה מצאה בו מנוח ביום מנוחה, און הימל האט מען זיך געפריידט מיט דעם נפש נקי וצדיק, ער איז געקומען לקבורה נאנט צו די נייטרא ישיבה, ער איז געקומען צו רוה און אונז האט ער איבער געלאזט און טיפן טרויער....!

לאור מצב המלחמה
השורר בארה"ק

# דברים נלהבים

## שנאמרו ע"י מרן זצ"ל

### בעניני בזיון המתים ועוד

**מה** שאנו רואים בזמן הזה בעולם, וכל שכן בארץ ישראל שנשרש שם המינות באופן נורא, עד שרוב כלל ישראל היום כבר נתפס בדעות נפסדות, באמת היו תמיד בכלל ישראל אנשים פושעים, אבל הם היו בעלי תאוות, אנשים חוטאים במעשה, אבל שנאת הדת כמו שיש היום, ושיבוש הדעות שאין יודעים להבחין בין טוב לרע, שאין יודעים מה הוא רצון ה', לצערינו הגדול זה הוא כעת המצב בארץ ישראל, אמנם בכל דור ודור היו צדיקי הדור וצדיקי אמת שהאירו לכל הדור כמו נר שמאיר מסביב ומגרש את החושך, כדי שלא יהיה אפשר לאבד את הדרך לגמרי בחושך, וכמובן שמעט מן האור דוחה הרבה מן החושך, אבל בזמנינו הרבה פעמים אין יודעים בעצמינו מה לעשות, ושורר בלבול המוחות, ואי אפשר להחליט לבד מה לעשות, ומתי צריך לעשות פעולות שונות של מחאה, ההחלטה בדברים כאלו מוטל על היהודים שהקב"ה מינה אותם להיות מנהיגי העדה, מה לעשות ומתי לעשות, וכל אחד צריך לעשות כהוראת רבותיו בזה, וכל מי ששייך לישיבה זו צריך לעשות כמו שמחליטים מנהיגי הדור.

**לכן** הנני בזה לומר, הרי כולנו שומעים מה שנעשה בארץ ישראל, שרח"ל יש שמה בזיון המתים, והוא חילול השם נורא, איך אנשים יכולים לעשות כדברים האלה והם אינם נענשים, והם יכולים להמשיך במעשיהם, הרי הקב"ה נקרא קל מסתתר, מלשון נסתר, הקב"ה מסתתר, כשיהודי מחלל שבת הרי הקב"ה בודאי היה יכול לעשות שמיד יקבל מכה בראשו ויפול ארצה מת, אבל הקב"ה אינו עושה כן, העולם נברא באופן כזה שהקב"ה מסתתר בו, ואינו מתגלה לכל, וכמו שמאריך הרמב"ן (סו"פ בא) שהקב"ה לא יעשה אות ומופת בכל דור לעיני כל רשע או כופר, ולזה עשה הנסים והמופתים ביציאת מצרים, וצוה אותנו שנעשה לזה תמיד זכרון ואות לאשר ראו עינינו, ונעתיק הדבר אל בנינו עד דור האחרון, וזהו הענין שהרבה מצות הם זכר ליצ"מ, ומן הנסים.

**הגדולים** ומפורסמים אדם מודה בנסים הנסתרים שהם יסוד התורה כולה, שאין לאדם חלק בתורת משה רבינו עד שנאמין שכל דברינו ומקרינו כולם נסים שאין בהם טבע ומנהגו של עולם, אלא אם יעשה המצות יצליחנו שכרו, ואם יעבור עליהם יכריתנו עונשו, הכל בגזירת עליון עיי"ש.

**גם** בזה מתנהג הקב"ה כן, הוא מסתתר, הוא מרשה לפושעים האלה להפיק את זוממם, הלא הקב"ה היה יכול לעשות שאם נוגעים באחד מעצמות הקדושים, יגיע לו מיד חבטה כזה שמיד ימות, ואף אחד כבר לא יעיז ליגע יותר בזה, אבל אין זו הנהגתו של הקב"ה, אלא הוא שותק, כך הוא בכל עבירה, וכך גם בעבירה חמורה כזו, וזה שייך להסתר פנים של היום, שאין רואים מיד שרשע מקבל עונש, אבל מה שבטוח, הוא זה שהקב"ה דורש מאתנו שיש לנו יכולת, שצריכים להביט על זה בהשקפה של יהודי כשר, ולהבין שאנו צריכים לעשות כלום כדי לתקן את חילול השם הנורא.

**וכדי** להבין זאת היטב אסביר לכם במשל, אב שיש לו שני בנים, אחד הוא טוב וחכם, הוא עושה מה שצריך וגורם נחת רוח לאביו, הוא אוהב את אביו כמו כל בן רגיל, אבל האח השני, הוא בן סורר ומורה, הוא ירד מן הדרך ועושה דברים שאסור לעשות, ומרגיז את אביו, בדרך כלל אם האח הטוב יודע שאחיו מתנהג באופן שמפריע לאביו, וגורם לו צער ועגמת נפש, הוא יעשה כל מיני פעולות על מנת להחזיר את אחיו אל אביו, הרי נאמר מבשרך אל תתעלם, והרי האב מצטער כל כך, ולכן הוא עושה את כל הפעולות שבידיו לעשות, הוא יעשה כל מה שביכלתו, כדי להטיב את דרכו של אחיו, ואפילו אם יודע שהוא מצער בזה את האח הסורר, והוא גורם לו עכשיו עגמת נפש, אבל כיון שהוא יודע שהאב יש לו צער גדול מהתנהגותו, וגם הוא מבין שהוא לטובת האח, לכן יעשה הכל, גם אם זה קשה עכשיו, ואפילו יודיע לשוטרים שאחיו עשה איזה דבר שאסור, כדי שיתפסו אותו וישב במאסר כמה ימים ויסבול יסורים, הכל במטרה זו שבסוף ישוב, ויגיע לזה שימנע צער מאביו בעתיד, הכל מתוך כוונה שהוא אוהב את אביו ואת אחיו וחפץ בטובתם.

**מה** שאנו רואים היום הוא כן, הצער שיש כביכול להשכינה הקדושה, החילול השם הנורא ממה שנעשה שם בארץ ישראל, נאמר בתורה (ויקרא כב לב) ולא תחללו את שם קדשי ונקדשתי בתוך בני ישראל, ולכאורה ולא תחללו למה נאמר, כיון שאמר ונקדשתי כל שכן ולא תחללו, אלא זה מרמז ששני הדברים האלו הולכים ביחד, שמצוה למחות ולעשות כל מה שיכול כדי לבטל את חילול השם, וזה בעצמו הוא הקידוש השם, כמובן שהיצר הרע מתאמץ מאד למנוע את פעולות המחאה האלו הנדרשות, והיהודים היראים ושלמים בארץ ישראל שמוחים נגד הדברים האלה, מענים אותם בבתי סוהר, הם מראים בפירוש שהם שונאים יהודי טוב וכשר, הלא זה אינו מובן בכלל, מה היא השנאה והאכזריות שיש להם כלפי יהודים טובים, מה יש לך נגדי, הרי אינני לא גנב ולא רמאי, מה כבר עשיתי לך שאתה כועס עלי כל כך.

**אלא** האמת היא שהם כועסים על היהודים האלה, כי זה מזכיר להם שגם הזקן שלו היה נראה כך, גם הוא שמר שבת קודש, והם מרגישים אשמים שהם אינם כך, והם כועסים כל כך שמזכירים להם את זה, ולכן הם שופכים את חמתם על היהודים האלה, **ואני אומר לכם, שאם היה אפשר להם, והם לא היו מפחדים מן העולם, היה שוחטים ורוצחים את כל היהודים שומרי תורה ומצוות, זה מה שהם היו עושים באמת, אם הדבר היה עולה בידם**, ותדע לך שהם מסוגלים לזה, שהרי הגה"צ רבי מיכאל בער זצ"ל מביא בספרו מן המיצר, שהם עזרו רח"ל בהשחיטה הגדולה של כלל ישראל על ידי הגוים באירופה, הם עזרו שהיהודים לא יוכלו לברוח מהם, כי הם חשבו שהדבר הוא לטובתם, כי אם יהרגו כל כך הרבה יהודים, אולי הגוים יבינו שצריך לתת להם מדינה, ואמנם אחד מהפושעים הגדולים אמר, כי פיסת קרקע של ארץ ישראל שוה יותר מחיי הרבה יהודים, וזה מה שהם באמת עשו, שמנעו הצלתם של יהודים רבים, כדי שיקבלו את ארץ ישראל לידיהם.

**השאלה** היא, מה אנו יכולים לעשות כדי לתקן את המצב הזה, מצד אחד נראה שאין לנו הרבה מה לעשות, אבל מצד שני אנו יכולים לעשות הרבה, וזהו תפקידם של מנהיגי העדה, הם צריכים להתבונן ולהחליט מה לעשות בדברים כאלו, הם שוקלים במאזני צדק את המצב, ולוקחים בחשבון את כל הצדדים, ומחליטים מה הקב"ה רוצה מאתנו לעשות עכשיו, במקרה הזה החליטו מנהיגי הדור, שיש לצאת למחאה בעיר הבירה וואשינגטאן, כדי למחות נגד הרשעים פורקי עול בארץ ישראל, אולי הדבר יעזור, כשמשמיצים את שמם בין הגוים, הם צריכים להתחשב בזה, שהרי הם צריכים לטובות מן הגוים, אם זה בעניני ממון אם זה כלי זיין, הם אינם רוצים להשמיץ את שמם.

**וכמו** שאמרתי בהמשל הנ"ל, לפעמים צריך לעשות איזה דבר שהוא צער כרגע, כי אין ברירה, שעל ידי זה ימנע צער גדול יותר בעתיד, ולכן כשרוצים להציל את האב מעגמת נפש גדול, כדאי וצריך לעשות פעולה

כזו, למרות שזה יגרום צער עכשיו, ולכן צריך לעשות את זה, וצריך לעשות את זה באופן הנכון, כי כל זה מועיל רק אם מתכוונים לזה באמת, כדי לעשות רצון הקב"ה.

**היו** מחאות דומות בעבר, שבהם לא היתה דעתי נוחה מכך שבחורים ילכו לשם, כי אמרתי שקדושת התורה כל כך גדולה, שלימוד התורה של הבחורים יעזור יותר, אמנם יש הלכות מה דוחה לימוד התורה, ובודאי פיקוח נפש דוחה שבת, ודוחה לימוד התורה, אבל צריך לדעת מה היא ההלכה בזה, ובדברים כאלו, כיון שאין לנו השגה מה זה עושה בשמים כשציבור של בחורים יושבים ולומדים, לכן אין לנו לעשות מעשה, ולהפסיק את הלימוד בישיבה כדי להשתתף במחאות אלו, ואף שאני יודע שיש ישיבות שמבינים שצריך להראות להגוים שיש הרבה יהודים במחאה, כדי שיהיה מזה יותר פרסום, והקב"ה יעזור שבודאי זה יעשה רושם לטובה, אבל דעתי היתה שאמנם מי שעוסק במלאכה, אנשי עסקים, יכולים לפרוש מממונם לתועלת זו, ולנסוע כדי להשתתף בזה, אבל מי שיושב ולומד תורה, הוא ממילא כבר עוזר לזה, הוא האדם האחרון שצריך להפסיק ממה שהוא עושה כדי לעזור לזה, וקודם כל צריך לעשות את כל הפעולות האחרות שאפשר לעשות, לפני שמבטלים בני תורה מלימודם, והרי בדרך כלל כשנוסעים למרחקים זה מפריע לא רק בשעת מעשה, אלא זה טירדא וביטול תורה דרבים גם לפני הנסיעה ואחרי הנסיעה.

**ועם** כל זאת אני חושב שהמחאה המדוברת כעת שיתקיים ביום ראשון. (הג"ה: הי' אז מחאה ביום ראשון) זה קצת שונה מבדרך כלל, במחאה רגילה אין סופרים כל כך את מספר האנשים המשתתפים, אם היו שם אלפיים איש או שלשת אלפים איש, אבל המחאה של יום ראשון זה דבר שונה לגמרי, במחאה זו אני יודע שכן יתחשבו בכמות, יספרו כמה אנשים היו שם, אם היה אלף או אלפיים או שלשת אלפים, וכשיראו אלפי אנשים שמשתתפים בזה, הם יבינו שהיהודים היראים ושלמים מתנגדים לזה, וזה יעשה רושם, לכן אני אומר שכעת המצוה היא לסגור את הגמרא, ולהשתתף במחאה זו, אבל בכל זאת יש להזהר שהביטול תורה יהיה רק לפי מה שמוכרח, הביטול הקטן ביותר ששייך, ויש לראות שהביטול לא יתמשך יותר מן ההכרח, וכמו שאמרתי אם מתכוונים לזה לשם שמים, כי רוצים לעזור לאבינו שבשמים, ועושים פעולות אלו כדי שיכאב לו פחות, הרי זה כולו קודש, אבל כל זה רק בזמן שמוכרח לזה, אבל מה שאין צריך לבטל תורה, זה כבר אסור, ואפילו דקה אחת יותר מן ההכרח אסור לבטל.

**מסופר** על הגאון המפורסם רבי ישראל סאלאנטער זצ"ל שפעם כשהיה תשוש וחולה, אמר לו הרופא שיגיעתו בתורה מסוכנת לחייו, והוא צריך להפסיק מללמוד במשך תקופה מסויימת של חצי שנה וכדומה, כי אחרת חייו תלויים בסכנה, ואמנם הוא שמע בקול הרופא והפסיק מללמוד, כי הבין שזה סכנת נפשות, והתורה אינו רוצה שיסכן את חייו, כי אין זה יהרג ואל יעבור, אבל בסוף התקופה שהיה אסור לו ללמוד, כבר ישב לפני זה וחיכה עם שעון בחשבו מתי יגמר הזמן שהרופא קבע, שבאותו רגע כבר יוכל להתחיל ללמוד, אמנם היה מוכרח לבטל מלימודו, אבל רק מה שמוכרח, ויותר מזה כבר אסור לבטל בלימוד התורה.

**ורציתי** להוסיף עוד נקודה בנוגע למחאה המדוברת, שאולי לא תדעו שזה כך אם לא אגיד לכם, אתם צריכים להבין את מהלך המחשבה של האנשים האלו, הם הקימו מדינה וממשלה, מה שנקרא ממשלה וראש ממשלה ה"י, וכל אלו אמרו תמיד כוחי ועוצם ידי, זה מה שיעזור לנו, אנו נכבוש את כל העולם וניתן להם מכות, אנו נראה להם שאנו עוד יותר עזין מכל האומות גם יחד, כך הם חשבו, האנשים האלו הם האנשים שאנו מוחים כנגדם, ולכן איני יכול לדעת למה הם מסוגלים, כי אנשים אלו עלולים ממש לרצוח את מי שמתנגד לדרכם, ולכן יש להזהר מאד שלא יצא מזה איזה דבר שהוא נגד דינא דמלכותא של המקום, וממילא כמובן שיש להזהר שיתקדש שם שמים על ידינו, ולא ח"ו שיצא מזה חילול השם.

**אני** אומר לכם זאת, כי הרי בכל זאת אתם בחורים צעירים עם דם תוסס, ואפשר לפעמים לחשוב שצריכים לעשות דבר גדול יותר כגון לשבור חלונות וכדומה, ולכן אני רוצה לומר לכם שלא תטעו לעשות כן, כי התוצאה תהיה הפוכה, וזה יזיק להמלחמה, אם אחד מרגיש שבוער לבו בקרבו וכואב לו מאד המצב, יקח עמו ספר תהלים, ושם יאמר תהלים ויבקש רחמים מהקב"ה שיצליח המחאה, שיפסיקו עם הרציחות ובזיון הקודש שלהם, ושאר הדברים שהם עושים, ומסתמא הרי כשכל כך הרבה יהודים מתקבצים לשם שמים, וכל בי עשרה שכינתא שריא, ואם יתקבצו באופן שיתקדש שם שמים, יעזור השי"ת שיצא מזה התועלת והמטרה.

## ציון של מרן זצ"ל בבית החיים במונט קיסקא



# קטעים עובדות ומאמרים שנאמרו ע"י גדולי הרבנים

## בהספדם על מרן זצ"ל

**בפרשת** השבוע על הפסוק (שמות א א) ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה. איתא במדרש (שמו"ר פ"א ס"ד) וכי היום באו, הלא מימים רבים כבר באו למצרים, אלא שכל זמן שיוסף הצדיק עוד היה קיים לא היה משא של מצרים עליהם, אבל כיון שמת יוסף, נדמה עליהם מצרים כמשא, ולכן כתיב הבאים מצרימה לשון הווה, כאילו באותו יום הם נכנסו לשעבוד מצרים.

**מורי** ורבותי בשבילנו תלמידי ישיבת נייטרא, המדרש הזה מובן בפשטות, אנו יצאנו ממצרים ערות הארץ, כפי ששמענו לראשונה את הדיבורים האלה באמעריקא מפיו של רבי מיכאל בער זצ"ל שאמר לנו, כי לגור בעיר נוא יארק זה הוא בגדר יהרג ואל יעבור, מי מאתנו התלמידים הראשונים אינו זוכר את הדרשת כל נדרי של רבי מיכאל בער, שעמד ובכה במשך ארבע שעות רצופות בליל יום הכפורים של שנת תש"ז וכן בשנת תש"ח, זכרם של דרשות אלו לא יסוף מזרעם, התלמידים מאז לא יוכלו לשכוח איך ששפכו אז דמעות כמים, עד שהיה אפשר לנקות את כל הבית המדרש עם הדמעות שנשפכו, באותם דרשות הזהיר אותנו רבי מיכאל בער ואמר, דעו לכם כי בוער אש באמעריקא, אל תזלזלו בחומר הסכנה של המדינה הזו, היא כבר לקחה והורידה לשחת יותר טובים ויותר נאים מכם, השמרו והזהרו מאש הנורא הזה, מערות הארץ הזו ששמה אמעריקא, כאשר רבי מיכאל בער כבר היה חולה ותשוש, ובעצם מתי לא היה חלש, מי היה זה שנכנס למצב של כל אחד מאתנו באותם ימים קשים, בכל יום ויום היה יורד למצב של כל תלמיד, מי זה היה הלא הוא רבי יונה. (אב"ד אור החיים ב"פ)

•

**הענין** של כבוד היה אצלו מאוס ממש כעפרא דארעא, הוא היה עושה כל מיני תנאים שלא יתנו לו שום כבוד, ואני יודע הרבה יותר מאחרים כמה שהוא ברח מכבוד, והעניק את הכבוד שהיה מגיע לו לאחרים שהיו הרבה פחותים ממנו, שלא היה שום דמיון ביניהם לביניו, להם מסר את הכבוד שהיה מגיע לו, ושאר ענינים גשמיים כמו ממון, או אוכל ושתיה ושינה, כל הדברים האלו בכלל לא היו אצלו, הוא היה מסתפק ממש במה שהיה ההכרח שיוכל להתקיים בעולם, ויותר מזה לא היה צריך ולא היה רוצה, כענין שמצינו אצל רבינו הקדוש (כתובות קד.) שבשעת פטירתו אמר רבונו של עולם גלוי וידוע לפניך שיגעתי בעשר אצבעותי בתורה, ולא נהנתי אפילו באצבע קטנה, ר' יונה נתייגע בתורה יומם ולילה בכל עשר אצבעותיו, אבל הנאה מן העולם הזה לא היה לו, אפילו לא באצבע קטנה, כל מה שהיה לו שייכות עם העולם היה רק כמה שצריך כדי שהנשמה שלו לא תצא מן הגוף, ויוכל להמשיך לעסוק בעבודתו בעולם, אבל שום דבר יותר מזה לא היה צריך. (אב"ד נייטרא ב"פ שליט"א)

•

**הוא** לא היה רבי שקרא פתקאות, אלא פשוט יהודי עם אזנים פתוחות, יהודי עם לב, כולם ידעו שאפשר להכנס לשם ולדבר אליו, והיהודי הזה יושב ומקשיב והוא כואב למענך, ולכן ידעו שכאשר נכנסים לשם אין יותר דאגות אין יותר צרות, כי ר' יונה היה לוקח את כל החבילה על כתפיו, הוא הרגיש כאילו זה דבר שלו ועשה כל מיני פעולות כל מה ששייך, כדי להגיע לזה שצריך ולעשות את מה שצריך, אם לקבץ מעות או כל דבר שהיה צריך, ויש על זה המון דוגמאות, בימיו האחרונים כשהיה מוטל על ערש דוי בבית החולים יום לפני הניתוח, שמעתי מאברך אחד שהיה אצלו אז שאמר לו, אינני רוצה למות אני צריך לחיות, יש כל כך הרבה דברים שאני צריך עוד לעשות, השארתי הרבה דברים באמצע, אני צריך להשאר בחיים, אבל ככל הנראה מן השמים רוצים אחרת. (אדמו"ר מנייטרא שליט"א)




**כתוב** בתהלים (עא ח) פי יגיד תהלתך כל היום תפארתך, הראשי תיבות של פ"י, הוא יונה פארסט, פי יגיד תהלתך, כשאני צריך לומר השבח של ר' יונה, אז כל היום תפארתך, אפשר לדבר מן הפאר של ר' יונה, להגיד השבחים שלו כל היום, כל המעת לעת של היהודי הזה היה כולו קודש לה', לא היה חי לעצמו רק למען הרבונו של עולם, הן בין אדם למקום והן בין אדם לחבירו, כפי שהאנשים שהיו קרובים אליו יכולים להעיד, שהיה מצליח לשמח כל אדם ולעשותו מרוצה, הרי בדרך כלל אין אדם שיכול לעשות אחרים מרוצה, שהרי יש כלל של חז"ל (קה"ר פ"א סי"ג) יש לו מנה רוצה מאתיים, יש לו מאתיים רוצה ארבע מאות, כמה שתתן לו הוא ירצה עוד, אבל ר' יונה הצליח לספק ולשמח אנשים, ואם תשאלו איך עשה זאת, הוא קיים מה שנאמר באבות דרבי נתן (פ"ג) כל המקבל את חברו בסבר פנים יפות, אפילו לא נתן לו כלום כאילו נתן לו כל מתנות שבעולם, וכל זאת אפילו לא נתן לו כלום, ומי מדבר אם כן נתן לו, רק שבנוסף להנתינה גם הראה לו סבר פנים יפות, כשהוא מראה לו שמחה, כשהוא מקבל אותו בשני ידים, הוא שואל בשלומו והוא מראה לו שרוצה לעשות לו הכל, והוא מתנצל על זה שאינו יכול לעשות יותר, זה נחשב כאילו נתן לו כל מתנות שבעולם. (אב"ד מעלברוין זצ"ל)

•

**הנפטר** הזה רבי יונה ע"ה, הראש ישיבה, היה כל ימי חייו בבחינה זו שלא היה יכול ללכת, אבל זה רק בגשמיות, אבל ברוחניות היה בבחינת הולך, תמיד הלך ועשה ופעל למען ה' ותורתו, ולמרות שלא היה יכול ללכת בגופו, הוא העמיד תלמידים רבים, לנפטר הזה יש חלק גדול מאד בהקמת עולם התורה באמעריקא, על ידי ייסוד המוסד תורה הזה, ישיבת נייטרא, יחד עם הצדיק הגדול רבי מיכאל בער זצ"ל, שניהם יחד העמידו כאן מוסד תורה כזה, שממנו יצאו תלמידים חשובים כאלה יראים ושלמים, בצדיק כזה לא אמרינן הצדיק אבד, כי לא נאבד הכח שלו להיות הולך גם כשהוא בעולם העליון, והוא ממשיך ללכת ונעשה גדול יותר ויותר. (בעל ברך משה מ'סאטמאר)

•

**כבר** נתייסד בו מוסד הנקרא תלמוד תורה תפארת יונה על שמו של רבי יונה זצ"ל, [והמוסד הזה התייסד והתנהל על ידי בנו חורגו וחביבו הרב ר' שלמה פעלדמאן זצ"ל], בתלמוד תורה הזה רואים דברים נפלאים שאין רואים במקומות אחרים, למשל איך שהתלמידים מכל שכבות היהדות זורמים לשם כל יום ששי שעה וחצי לפני כניסת השבת ללמוד מוסר, אחרי שכבר למדו ביום זה משניות, ועכשיו באים לעוד שיעור בספר ארחות צדיקים, ובימות הקיץ הארוכים זה ממש מלא, ואפילו בחורף בזמנים קשים יותר, ובאים לשם מנהלים וראשי ישיבות למסור שיעורי מוסר לתלמידים, וכן במוצאי שבת קודש, שתיכף ביציאת השבת באים ללמוד את ספר התהלים, וכהנה וכהנה פעולות גדולות ונשגבות שעושים במקום קודש זה, והכל כדי להכניס בנפש הילדים חינוך על טהרת הקודש ואי אפשר להכחיש זאת, שאחד מסודות ההצלחה החשובים ביותר של התלמוד תורה תפארת יונה, הוא שהמחשבות והמעשים של רבי יונה זצ"ל שחשב ועשה במקום זה, זה מצמיח ישועות בפועל היום הזה, והכוחות האלו מלווים את התלמוד תורה בכל עת ובכל זמן, ומן הראוי להזכיר מה שעשו התלמוד תורה הזה תפארת יונה בחג הסוכות תשמ"ה, שהזמינו מעמד שמחת בית השואבה פעמיים במשך ימי החול המועד, ולא בשעות הלילה אלא דייקא באמצע היום, בשעה שילדים אחרים מסתובבים ברחוב ואין יודעים מה לעשות עם היום, וחלק מן ההורים מוליכים את ילדיהם למקומות שלא היה צריך ללכת, ומוציאים הרבה ממון על הבלים, וההורים אין להם מנוחה, דייקא בשעות אלו קיבצו התלמוד תורה יותר מחמש מאות ילדים, שיהיו נמצאים במקום קדוש במשך למעלה משש שעות, שבהם הם שמעו דיבורים מרבנים חשובים, ואמרו תהלים יחד, ועסקו בדברי התעוררות ברוח יהודי, וקיבלו מתנות של ספרי קודש, וכל אחד יצא משם ממש עם עונג יום טוב. (הגה"צ שלמה פעלדמאן ז"ל)

### ליומא דהילולא הרה"ק צבי אלימלך ב"ר פסח זצוק"ל בעהמח"ס בני יששכר

י"ח טבת תר"א

אמנם בספה"ק בני יששכר (שבט מאמר ב' או"א) כותב שקיבל מרבותיו שצריך כבר להתפלל מחמשה עשר בשבט, שיזמין לו הקב"ה אתרוג כשר יפה ומהודר, ורואים כמה יש להשקיע בזה לקיים מצות אתרוג וד' מינים בהידור, אבל באמת לאו דוקא שכוונתו להתפלל על אתרוג שעולה הרבה ממון, אלא הכוונה בזה שיזדמן לו אתרוג מהודר, היינו שיהיה ראוי לכך, וזהו על ידי שיהיה הפנימיות שוה להחיצוניות, שיעבוד את השי"ת מתוך פנימיות הלב, שהרי כתבו בספרים הק' שהאתרוג מרמז על הלב. (דברי יונה ח"ב דף רס"ז)

# מתוך דרשת כ"ק מרן אדמו"ר מוויען שליט"א

## אצל דרשת ז' אדר – על פטירת מרן זצ"ל

ישיבה במסירות נפש, ויגע עצמו והתבזה עצמו על התורה, איך יתכן שיהודי כזה לא היה יכול לילך אצל כסא הכבוד ולבקש מרבונו של עולם, זו תורה וזו שכרה. ולמה שתק.

**אבל** ההסבר בזה הוא, דלמעלה בשמים אמרו "בקרובי אקדש ועל פני כל העם אכבד", ולכך "וידום אהרן", ולא אמר אפילו דיבור אחד, שלא החשיב עצמו לכלום בעבור כבוד שמים.

**ועדיין** לא יבשו הדמעות על הקבר של רבי שניאור קאטלער, והנה שמענו מהסתלקות של כ"ק אדמו"ר הגה"צ רבי **אליעזר זוסיא פארטוגאל** זצ"ל האדמו"ר מסקולען, אשר כבר הספדנוהו פה בביהכנ"ס. הוא היה איש קדוש, ולא נהנה מעוה"ז כהוא זה, הכל רק בלתי לה' לבדו, אהה רבותי! נחפשה דרכינו ונחקורה בשל מי הרעה הזאת.

הגאון רבי יונה פארסט זצ"ל

**ובחורף** דהאי שתא הלך מאתנו אדם גדול מאד, אף שהחביא עצמו והתנהג בעניוות (אבל חכמתו היה בבחינת "חכמות בחוץ תרונה" משלי א' כ'), הוא הגה"צ **רבי יונה פארסט** ז"ל, יהודי שהיה 'חובות הלבבות' חי. חוץ ממה שהיה גדול בתורה, היה גם בעל מוסר גדול, בעל תוכחה, ורבים השיב מעוון, מאות אנשים החזיר בתשובה והדריכם על דרך התורה והיראה. מלבד זה היה 'נועם המדות' להפליא, איש החסד וכביר המעש. איש אשר אפשר לומר עליו שביתו היה פתוח לכל מר נפש, ובעצותיו ובדיבוריו הטובים הקל מהרבה אנשים את כאבם וצערם. והכל עשה בענווה ובסתר, ולא ידעו מזה כלום. הרי ברור שיהודי זה למד כל ימיו תורה לשמה, ורבים נהנו ממנו עצה ותושיה, כמאמר חז"ל באבות (פ"ו מ"א) "כל העוסק בתורה לשמה זוכה לדברים הרבה וכו' ונהנין ממנו עצה ותושיה בינה וגבורה" וכו'. ובאמת ראו כמה שיהודים נהנים ממנו, והיה יכול להסתיר עצמו כל כך בפשטות עצומה. והלך בעצמו מרב לרב לעשות משהו כי צריכים להציל יהודים מיד המיסיון, למען ה' לעשות דבר ולהגביר חיילים בעבור מפעל "יד לאחים". וגם זה היה מונח על כתפיו, שבועות ארוכים עסק בלי ליאות כדי להציל עוד נפש אחת מישראל. וזכורני כשבא אצלי וראיתי יהודי בחולשה 'פיזיש' גדולה, ועם כל זה לא נמנע מלילך ולעסוק בעסקי הציבור בכל כוחו. ועליו נאמר "יונתי" בחגוי הסלע, הסתרת עצמך רבי יונה בחגוי הסלע, בסתר המדריגה, שהחביא והסתיר כל מדריגותיו הנעלות למען לא ידעו מזה. יהודי זה היה יוצא דופן בענוותנותו והחשבתו לכל אדם בכבוד והערצה, ובפרט לבני תורה. ומי ידבר על נועם מדותיו. היכן נמצא יהודי כזה. היכן נמצא בעל חסד כזה, ומן הידועות הוא כמה יהודים הציל מנפילה בהמצאת הלוואות והעמידן בכך על רגלם. ועליו

אפשר לומר שהיו בו כל שלושת העמודים עליהם העולם עומד, תורה ועבודה וגמילות חסדים באופן הנעלה ביותר. רבי יונה, היית, כאמור, בבחינת "יונתי בחגוי הסלע בסתר המדריגה", הסתרת את מדרגותיך הנעלות, אבל עכשיו "הראיני את מראיך והשמיעיני את קולך"! בקש נא אצל כסא הכבוד, ושלא כדרכך אל תתנהג עכשיו בענווה, תייצג אותנו לפני בורא עולם, היה נא שליח לכלל ישראל, ובקש עבור כלל ישראל שיוושעו, "כי קולך ערב ומראיך נאוה" - כי קול תפלה יפה כמו שיש לך לא יהיה לאיש אחר.

ו"שבר על שבר נקרא", כי נפטר בארץ ישראל הרה"ג רבי משה נתן נטע לעמבערגער זצ"ל אב"ד דק"ק מאקאווא, שהכרתיו מימי עלומיו. היה תלמיד מובהק מהמהרש"ג מסעמיהאלי זצ"ל, וכבר בהיותו בחור היה מפורסם כמתמיד עצום משים לילות כימים בתורת ה'. היה יושב בביהמ"ד מליל א' בשבוע עד ערב שב"ק אחר הצהרים, ולא הסיר מלבושיו כלל. כל כך מתמיד היה, בקי נפלא ואדם פשטן. הלך בדרכי רבו הקדוש, יהודי שהיה בקי בש"ס ופוסקים, יהודי שהמית עצמו באהלה של תורה. וכשבא לארץ הקודש התיישב בכפר אתא והיו לו ישיבה וכולל. ולא התערב עם העולם בעניניו, והיה סגור בד' אמות של הלכה. ומשם אור תורתו עדיין זורח. אין כמעט בנמצא יהודים כאלו שמחביאים מדרגותיהם ועבודתם.

**ועוד** אבדנו ראשי ישיבות, הג"ר ארי' זאב גורעוויטש זצ"ל ראש ישיבת געיטסהעד, שהרביץ תורה הרבה שנים, כולן שוין לטובה.

**ובעיר** פעסט נפטר הג"ר משה וויים זצ"ל, יהודי שהיה לו תפקיד קשה מנשוא במצב כמעט בלתי אפשרי, בחגוי סלע, במסגר, במצור ובמצוק, במדינה הקומוניסטית, והיה צריך להיות נזהר על כל צעד ושעל מלהעלות חמתם עליו ועל בני קהילתו. והלך בדרכי רבו הקדוש מגאלאנטא זצ"ל, והיה 'ערליך' והשתדל לשמור חוקי הטהרה וחוקי הכשרות לפי כוחו, והכל עשה במסירות נפש.

מוה"ר משה הערשבערג ז"ל

**ועוד** זאת לא אוכל לעצור ברוחי, "מבליגיתי עלי יגון עלי לבי דוי" (ירמיה ח' י"ח), נעדרו מאתנו בעלי בתים צעירים, שעדיין לא הגיעו לשנות החמשים, והניחו בתים עם יתומים, ואיני יכול להזכיר את כולם, אבל אחד מהם שידעתיו קצת מפה קהלתינו אזכיר בכל זאת. הוא מוה"ר משה הערשבערג ע"ה, יהודי שהיה לו פה שמור וחתום, ומביתו יצאו מאות חבילות לצדקה. וחילקם בשתיקה ובהסתרה עד שאפילו המקבל לא ידע מהיכן באה לו מתת זו מדי שבת בשבתו. ופתאום נפל ואבד מארץ

מדור

# דברי יונה באידיש

קטעים

## דברי תורה ממרן זצ"ל

על פרשיות
ויחי-שמות-וארא-בא
בשלח-יתרו

## פרשת ויחי

### א מענטש דארף לעבן מיט אן התבוננות און א חשבון הנפש

**ואתם חשבתם עלי רעה, אלקים חשבה לטבה, למען עשה כיום הזה להחית עם רב** (נ', כ').

איז לכאורה דארף מען פארשטיין, ווייל די שבטים האבען דאך געטון אלע זייערע מעשים על פי תורה, און דאס וואס זיי האבען איהם געוואלט הרג'ענען איז ווייל זיי האבען איהם דן געווען אלס א מורד במלכות, על פי דין תורה, איז הגם אז זיי האבען געהאט א טעות אין זייער פסק, ווייל ער איז באמת נישט געווען קיין מורד במלכות, און וועגן דעם האט די רבש"ע עס מהפך געווען לטובה, אבער ווי אזוי האט יוסף געקענט זאגען "ואתם חשבתם עלי רעה", אז זיי האבען געטראכט אויף איהם שלעכטס, אויב זיי האבען געהאלטען אז דאס איז די הלכה.

נאר די פשט איז, לויט ווי מען זעט אין אונזער מדינה, אז קיינער טראכט נישט, נאר די גאנצע וועלט טאנצט נאך עולם-גולם, נאך איין ארטיקעל אדער איין דרשה, וואס איינער האט אויסגעטראכט, און יעדער איינער גייט נאך מיט פארמאכטע אויגען, און ווי פארשטענדליך אז דאס ברענגט גרויסע מכשולים, און ווי עס איז ידוע אז די חתם סופר זצ"ל האט נישט מסכים געווען, אויף דער ענין פון א רב המדינה, און ער האט מסביר געווען בדרך משל, אז ווילאנג אז יעדער איינער האט אן אייגינער לעכט ברענען ביי זיך אין שטוב, איז אויב עס לעכט זיך אויס א לעכט ביי איימיצער אין שטוב, איז טינקעל נאר ביי איהם אין שטוב, אבער אויב מען מאכט איין גרויסע צענטראלע ליכט [למשל ווי די עלעקטריק], איז אויב עס לעשט זיך אויס אין די צענטראלע כח, וועט ווערן טינקל איבעראל. איז אזוי אויך אז אויב עס ווערט זיך פירען די גאנצע מדינה דורך אן צענטראלע רב, איז אויב עס איז דא א קלקול ביים רב, וועט דאס צוברעכן די גאנצע מדינה.

**דאס** איז וואס יוסף האט געזאגט צו די שבטים, אז אויב עס איז דא אסאך מענטשען, דארף דאך זיין פארשידענע דיעות, ווייל יעדער יחיד, דארף דאך מתבונן אין יעדער פרט, און יעדער מענטש טראכט דאך אנדערש, אבער אויב מען זעט אז אסאך מענטשען טראכטען די זעלבע מחשבה, ווייזט דאס אז זיי האבען נישט אליינס אריינגעטראכט אין דער ענין, נאר אלע האבען זיך פארלאזט אויף די דיעה פון א יחיד, און דאס האט ער געזאגט "ואתם חשבתם עלי רעה" – אז וויבאלד אלע האבען געטראכט גלייך אויף שלעכטס, איז א סימן אז איהר האט נישט אליינס ארייין געטראכט אינדעם, און דאס איז די פגם וואס ער רופט אן שלעכטס.

איז וואס מען לערנט זיך ארויס דערפון, אז א מענטש דארף זיך מרגיל זיין צו לעבן מיט א חשבון הנפש, און מיט א התבוננות, און נאר אזוי קען מען מצליח זיין אין לעבן. [ח"א]

## פרשת שמות

### די בחינה פון יעקב איז עבודת ה' דורך זיך מתגבר זיין אויף שוועריגקייטען

**ואלה שמות בני ישראל הבאים מצרימה, את יעקב איש וביתו באו.**

לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס ער פאנגט אן מיט א לשון הבאים – וואס זיי קומען יעצט, און ער ענדיגט מיט א לשון עבר, את יעקב איש וביתו באו – אז זיי זענען געקומען.

**נאר** מען קען מסביר זיין, מיט דאס וואס די מפרשים זענען מסביר, די צוויי בחינות און מדריגות פון די נאמען יעקב און די נאמען ישראל, וואס ישראל איז די מדריגה ווי א מענטש האט שוין כובש געווען זיין יצר הרע, ווי דער פסוק זאגט כי שרית עם אלהים ואנשים ותוכל, אבער עס איז אויך דא די בחינה פון יעקב, וואס עס ווערט מתעורר מלחמות און נסיונות ווי עד דארף זיך מתגבר זיין אויף זיי, פון די לשון ויעקבני זה פעמים, און דאס זאגט די פסוק (ויחי מ"ז, כ"ט) ויקרבו ימי ישראל למות – אז די בחינה פון ישראל איז נסתלק געווארען פון די וועלט, אבער די גמרא זאגט (תענית ה:) יעקב אבינו לא מת, אז די בחינה פון יעקב איז געבליבען אייביג ביי אידען וואס מען דארף זיך מתגבר זיין אויף נסיונות.

**און** דער גלות מצרים האט זיך שוין אנגעפאנגען מיט דער השתלשלות העניינים נאך פון די מעשה פון יוסף מיט דער ברודער, מיט פארשידענע נסיונות און שוועריגקייטען, איז הגם דער קומען בפועל צו מצרים האט זיך אנגעפאנגען שפעטער, אבער דער נסיונות פון גלות מצרים האט זיך שוין אנגעפאנגען אסאך פריער. און דאס זאגט דער פסוק, אז הגם אז הבאים מצרימה – אז אנקומען צו מצרים זענען זיי ערשט יעצט אנגעקומען, אבער את יעקב – דער בחינה פון יעקב פון נסיונות, איז איש וביתו באו – מיט דעם זענען זיי שוין אנגעקומען פון פריערט. [ח"א]

### די תשוקה און רצון פון א איד איז אמאל מער חשוב ווי דער טוען אליינס

**ויפן כה וכה וירא כי אין איש ויך את המצרי ויטמנהו בחול כי אין איש.**

זאגט רש"י, אז משה רבינו האט געזען אלע דורות וואס גייט ארויסקומען פון דעם מצרי, און ער האט געזען אז אז קיינער גייט זיך נישט מגייר זיין פון זיינע דורות האט ער איהם גע'הרג'עט.

**דער** חתם סופר ברענגט אין א תשובה פון א זוהר אז באלד ווען א מענטש איז געבוירען איז שוין נגזר אויף איהם אלע דורות וואס גייט ארויסקומען פון איהם. האב איך געטראכט צו מיר, מען דארף אמאל מאכען א חשבון הנפש, און איך האב געטראכט וואס וויל די רבש"ע פון מיר, ווייל לויט דעם זוהר קומט דאך אויס אז עס איז דא א מענטש וואס מען גיט איהם בכלל נישט די מעגליכקייט צו קענען בויען דורות ווייל באלד ווען ער ווערט געבוירען איז שוין נגזר אויף איהם אז ער גייט נישט בויען דורות, איז לכאורה איז שווער, ער איז דאך א גוטע איד, און ער וויל דאך אוועק שטעלן ערליכע דורות צו טון דעם רצון השם, און מקיים זיין די מצוה פון פרו ורבו, איז פארוואס איז אויף איהם נגזר געווארען ער זאל נישט קענען.

נאר קען זיין, אז אמאל איז חשובער ביי די רבש"ע, די תשוקה און די הפענונג של א אדם כשר, די תפלה און די בקשה און די רצון פון א ערליכע איד, וואס ער וויל אוועקשטעלן ערליכע דורות, דאס קען זיין מער חשובע ווי באמת בפועל אוועקשטעלן דורות. [עיי"ש שיחה באריכות בענין זו] [ח"ב]

### די הצלחה פון עבודת ה' ליגט ביי דיך אליינס

**של נעליך מעל רגליך כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא** (ג', ה').

קען זיין די רבש"ע איז מרמז אן הוראה לדורות פאר יעדער איד, אז ער זאל וויסען אז זיין הצלחה אין עבודת ה', און דער מקום צו טרעפן קדושה, איז אויף זיין אייגענע פלאץ ווי ער שטייט, ביי זיך אליינס, און ער דארף נישט גיין זיכען אין קיין שום אנדערע פלאץ.[ח"ב דף נ"ו, עי"ש הסיפור מהאיש בקראקא שחלם שיש לו אוצר בהגשר של פראג]

# פרשת וארא

## פארוואס האט משה רבינו געמאכט אן קל וחומר וואס האט א פירכא?

**וידבר משה לפני ה׳ לאמר הן בני ישראל לא שמעו אלי ואיך ישמעני פרעה וגו׳.**

מען דארף פארשטיין פארוואס האט משה רבינו זיך באנוצט מיט א לשון קל וחומר. און בפרט אז דער קל וחומר איז אפגעפרעגט, ווייל דאס וואס כלל ישראל האט נישט צוגעהערט צו משה איז ווייל זיי זענען געווען אין א מצב פון קצר רוח ועבודה קשה, אבער פרעה איז נישט געווען אין אזא מצב.

## צו לערנען אונז אז אין עונשין מן הדין ווייל עס קען האבען א טעות

נאר מען קען זאגען, ווי ר׳ יוסף ענגיל שרייבט (לקח טוב אות ב׳) אין דער טעם פארוואס אין עונשין מן הדין – דאס הייסט אז מען שטראפט נישט מיט א קל וחומר, ווייל קען זיין עס איז דא א פירכא אויף די קל וחומר, און עס וועט אויסקומען אז מען האט איהם געשטראפט אומזיסט. לויט דעם קען מען זאגען, אז די תורה האט געשריבען דעם אפגעפרעגטען קל וחומר אין די תורה, צו אונז לאזען הערן דעם דין אין עונשין מן הדין, ווייל אויב אפילו משה רבינו האט געקענט מאכען א קל וחומר וואס האט א פירכא [ווייל משה האט נישט געוויסט אז דאס וואס די אידען הערן נישט צו איז אלץ די קצר רוח], איז וועט מען וויסען אז אין עונשין מן הדין, ווייל אפשר עס איז א טעות.

## צו מעורר זיין די מדת הרחמים וואס ליגט אין א קל וחומר

נאך א פשט קען מען זאגען, ווי ר׳ יוסף ענגיל ברענגט [בית האוצר כלל נ״ו אות ט״ז] פון ר׳ הערשעלי זידיטשויבער זצ״ל, אז אין עונשין מן הדין, ווייל די י״ג מידות שהתורה נדרשת בהן, זענען אנטקעגן די י״ג מידות של רחמים, און די מדה פון קל וחומר איז אנטקעגן די מדה פון קל, וואס איז די מדת החסד ווי עס שטייט חסד קל כל היום. איז וועגן דעם קען מען זאגען, האט משה רבינו דערמאנט דעם קל וחומר, אפילו ער האט געוויסט אז עס איז אפגעפרעגט, כדי צו מעורר זיין די מדת החסד פון קל וחומר. [ח״א]

[עיי״ש דברים בענין לימוד התורה גם כשיש לו טירדות, ומביא מהגאלאנטא רב זצ״ל דבביטול תורה מענישים מיד, וא״כ יתכן דזה גופא שיש לו טירדות הוא עונש. ועיי״ש שאמר שהגם שיתכן שמכאיב בזה קצת מהבחורים, מ״מ מן ההכרח לומר. ולכן מבקש שילמדו יותר, שלא יהיה מה שהכאיב אותם בחינם, במטעים סיפור ששלחו בטלגרם בשבת להרבי מבעלזא בשבת להתפלל על החולה, ואמר הרבי, שעכשיו בודאי צריך שיפעל ישועה שלא יהיה החילול בחינם]

# פרשת בא

## די תכלית פון די מכות איז צו מגלה זיין די אמונה אין אידישע הערצער

**ויאמר ה׳ אל משה בא אל פרעה כי אני הכבדתי את לבו.**

לכאורה דארף מען פארשטיין, אז עס וואלט געדארפט שטיין לך אל פרעה – גיי צו פרעה ווי עס שטייט ביי דער אנדער מכות, וואס איז דער לשון בא. נאך דארף מען פארשטיין וואס די פסוק זאגט כי אני הכבדתי את לבו, וואס איז משמע א לשון פון א טעם – ווייל איך האב הארט געמאכט זיין הארץ, און לכאורה די סברא איז פונקט פארקערט, אז אויב די רבש״ע מאכט זיין הארץ הארט, איז דאך נישט דא קיין סיבה מוסיף זיין נאך מכות.

נאר די פשט קען זיין, אז משה רבינו האט געהאלטען אז עס נישט דא קיין צורך פאר נייע מכות, ווייל עס איז שוין גענוג מיט די מכות ביז יעצט צוצוברעכן פרעה׳ס כח, האט איהם די רבש״ע מגלה געווען, אז די תכלית פון די מכות איז נישט צו צוברעכן פרעה׳ס כח, נאר למען תספר באזני בנך – אויף אריינצוברענגען אמונה אין די אידישע הערצער, אז די רבש״ע קען משנה זיין די טבע לויט ווי אזוי ער וויל, האט די רבש״ע געוואלט עס זאל זיין אן התחדשות פון פארשידענע מכות אין אנדערע ענינים, אז מען זאל זען קלאר אז די רבש״ע איז שולט אויף די גאנצע בריאה.

דאס זאגט די אייבערשטער בא אל פרעה – קום צוזאמען מיט מיך צו פרעה, ווייל מיט יעדער מכה ווערט נתגלה מיין כח און די התגלות פון מיין שכינה אויף דער וועלט, און איך וועל דיך ברענגען א ראיה, אז דאס איז דער תכלית פון דער מכות, כי אני הכבדתי את לבו – ווייל דו פארשטייסט דאך אז בדרך הטבע ווייל דאך פרעה שוין לאנג געדארפט זיך אונטערגעבען, מוז דאך זיין, ווייל איך אליינס האט דאך הארט געמאכט זיין הארץ, ווייל איך האב א חשבון און א תכלית אינדעם, כדי צו מגלה זיין מיין אמונה אין דער וועלט. [ח״א]

## א איד דארף זיין א מל״ך – די סדר פון מ׳וח ל׳ב כ׳בד, מוח שליט על הלב

**ויאמר ה׳ אל משה בא אל פרעה כי אני הכבדתי את לבו.** עס שטייט אין מדרש (שמות רבה פרשה י״ג, אות ג׳) **מהו הכבדתי, שעשה הקב״ה את לבו ככבד הזה** שהיא מתבשלת שניה וארטסים נכנס לתוכה, דאס הייסט אז די רבש״ע האט הארט געמאכט פרעה׳ס הארץ ווי דער לעבער, וואס ווערט הארטער דורך קאכען, און נישט ווי אנדערע פלייש וואס ווערט ווייכער. אבער מען דארף פארשטיין, אז די תורה וויל ארויסברענגען אז פרעה האט נישט געוואלט מקבל זיין די ווערטער פון די רבש״ע, פארוואס דארף איהם צושטעלן פונקט צו לעבער.

נאר עס שטייט אין די גמרא (ברכות ז.) אז בלעם האט געוויסט וועלכע רגע די רבש״ע ווערט כביכול אין כעס יעדער טאג, און ער האט געוואלט חס ושלום שעלטן די אידען יענעם רגע, פרעגט תוספות, וואס וואלט ער געקענט זאגען אין איין רגע, ענטפערט תוס׳, ער וואלט געזאגט דערווארט כלם. זאגט מען די פשט אינדעם, אז א מענטש דארף זיך פירען ווי דעם סדר אין די ראשי תיבות פון דער ווארט מל״ך, וואס איז מ׳וח ל׳ב כ׳בד, דאס הייסט אז דער מוח וואס איז דער פלאץ פון די שכל, דארף זאגען דעם הארץ ווי אזוי עס זאל מרגיש זיין, און נאר דעמאלס קען דער הארץ זאגען דעם לעבער - וואס דארטען איז דא דער עיקר בלוט פון א מענטש, וואס איז מרמז אויף דער גוף פון א מענטש – ווי אזוי ער זאל זיך פירען למעשה, און נאר אזוי איז ער מלך – א קעניג, ווי זיין שכל איז שליט על הלב, אבער בלעם האט געוואלט שעלטן די אידען, האט ער מהפך געווען די סדר, און געזאגם כל״ם, וואס איז כ׳בד ל׳ב מ׳לך, ווי דער גשמיות איז שולט אויף דער הארץ, און דער הארץ אויפען שכל, ווי דער גשמיות איז שולט אויף אלעס, און דאס איז דער חורבן פון א מענטש.

און דאס איז דער פשט וואס די פסוק גלייכט צו פרעה אזוי ווי לעבער, ווייל ביי פרעה איז אלעס אפילו די מוח געווארען א שטיק לעבער – א שטיק גשמיות, ווי זיינע תאוות הלב האבען איהם געפירט אינגאנצען, האט ער נישט געקענט מקבל זיין די ווערטער פון רבש״ע. [ח״ב]

### די טעות פון די לבנה – אז זי האט א אייגענע ליכטיגקייט

**החודש הזה לכם ראש חדשים.** פון דא לערנט מען ארויס די מצוה פון קידוש החודש, אז די קביעות פון ראש חודש איז תלוי אויף בית דין, ווען די עדים קומען און זאגען זיי האבען געזען די לבנה, און בי״ד זאגט מקודש מקודש. איז דא ביי די מצוה א יוצא מן הכלל וואס מען טרעפט נישט ביי אנדערע מצוות, אז אפילו אויב נאכדעם וואס מען האט מקדש געווען די חודש האט מען אויסגעפונען, אז עס איז געווען א טעות, די עדים האבען נישט געזאגט די אמת, פונדעסטוועגן בלייבט די ראש חודש ווי בי״ד האט שוין געטון, ווייל אזוי דרש׳ענט די גמרא (ראש השנה כ״ה.) אתם אפילו שוגגין, אתם אפילו מזידין, אתם אפילו מוטעין. איז לכאורה דארף מען פארשטיין דעם טעם, ווייל אויב אויב עס איז נתברר געווארען אז א מענטש האט געלייגט פסולע תפילין, קומט אויס אז ער האט נישט יוצא געווען די מצות תפילין, איז פארוואס ביי קידוש החודש איז עס חל אפילו אויב עס איז געווען א טעות, נאר די גמרא זאגט (חולין ס:) אז די לבנה האט געזאגט צו די רבש״ע אז אי אפשר לשני מלכים שישתמשו בכתר אחד, אז צוויי קעניגען –די זון און די לבנה – קענען נישט געוועלטיגען צוזאמען, האט די רבש״ע געזאגט צו די לבנה לכי ומעטי את עצמך – גיי און מאך דיך קליין. איז לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס דארף מען קליים מאכען די לבנה, מען קען דאך מאכען די זון גרעסער, איז די מגלה עמוקות מסביר, אז די גאנצע טענה פון די לבנה איז א טעות, ווייל איהר גאנצע ליכטיגקייט האט זי נישט פון זיך, זי האט עס נאר פון די זון, די לבנה האט דאך גארנישט פון זיך אליינס, זי איז בכלל נישט קיין אייגענע מלך, נאר ווייל זי האט געמיינט אז זי האט אן אייגענע ליכט, האט זי אזוי גע׳טענה׳ט, האט דער רבש״ע געענטפערט צו די לבנה לכי – רוק זיך אביסעל אוועק פון דיין פלאץ, ווי דו שטייסט אנטקעגן די זון, וועסטו זען דעמאלס אז ומעטי את עצמך – אז דיין ליכטיגקייט ווערט קלענער ווערן, וועסטו איינזען דיין טעות, אז דו האסט נישט קיין אייגענע ליכטיגקייט, איז די גמרא פירט דארטען אויס, אז וועגן די מיעוט הלבנה ברענגט יעדעם ראש חודש א קרבן פאר א כפרה פאר די מיעוט הלבנה. איז ממילא דער גאנצע ענין וואס מען דארף מחדש זיין די חודש יעדעס מאל פון דאסניי, מיט א נייע לבנה, איז געבויט אויף דער טעות וואס די לבנה האט געהאט, אז זי האט געהאט א אייגענע ליכטיגקייט, איז וועגן דעם איז ביי די מצוה פון מקדש זיין די חודש דורך די לבנה, איז דאס חל אפילו דורך א טעות, צו מרמז זיין אז דאס גאנצע ענין נעמט זיך פון דער טעות פון די לבנה. [ח״ב]

בס"ד

# להפקד בדבר ישועה ורחמים

לקראת יומא דהילולא פון מרן הגה"צ רבי יונה הלוי פארסט זצוק"ל

**פארן פרייז פון 71$ (כמנין יונה)** להוצאת המערכת

וועט א **שליח מיוחד** מזכיר זיין אייערע נעמען

על ציון המצוינת פון מרן הגה"צ זצ"ל אין מאונט קיסקא

**קומענדיגען דאנערשטאג ויחי ט"ז טבת הבעל"ט**

**בעצם יומא דהילולא**

## צו שיקן אייער קוויטל

## שיקט אייערע נעמען צום מערכת

divrelyona@gmail.com

ביז מיטוואך נאכט פרשת ויחי 10:00 ביינאכט

## בוועלט אויס אלעס גוטס

מערכת אוצר יונה

וועד להוצאת ספרי מרן הגה"צ זצ"ל

כ"ד

מדור

# מילי דהספידא

**דברי הספד על מרן זצ"ל, מאת**

## הגה"צ אלימלך אשכנזי זצ"ל

## אבד"ק מעלברון

**ככלות השלושים**

**של מרן זצ"ל**

**הנביא** אומר (יחזקאל כא יא) ואתה בן אדם האנח בשברון מתנים ובמרירות תאנח לעיניהם, והיה כי יאמרו אליך על מה אתה נאנח, ואמרת אל שמועה כי באה ונמס כל לב ורפו כל ידים וכהתה כל רוח וכל ברכים תלכנה מים, הנה באה ונהיתה נאם ה' אלקים, ודברי הפסוק צריכים ביאור, דלכאורה יש כאן כפל ואריכות לשון, שהיה די לומר ואתה בן אדם האנח על שמועה כי באה וגו', ומדוע חילק זאת לשניהם, דתחלה אמר בן אדם האנח, ואחר כך כתב בלשון שאלה, והיה כי יאמרו אליך על מה אתה נאנח, ועל זה תשיב שמועה כי באה.

ונראה לומר רמז בזה לענינינו, דהנה היהודים שהיו נמצאים כאן בשעת הפטירה של הרב הגאון הצדיק רבי יונה פארסט זצ"ל, אין זה פלא על כך שהם נאנחו בשברון מתנים, ובמרירות תאנח, שהרי כמו שהפסוק ממשיך לעיניהם, הם ראו בעיניהם עין בעין את השבר והאסון שפקד אותנו, ובודאי מובן מאליו שהיו שבורים ונאנחים, אבל אנו שזה הגיע אלינו כשמועה רחוקה, כמו שממשיך הפסוק שמועה כי באה, על זה שפיר ישאלו, שהרי הגיע אליך שמועה רחוקה מארץ מרחקים, מקצה השני של העולם, על זה אמר הפסוק והיה כי יאמרו אליך על מה אתה נאנח, ואמרת על שמועה כי באה, שכיון שהגיעה הידיעה הנוראה על הפטירה של ר' יונה, כל הישוב היהודי נתדזעזע, שהרי היה יהודי שהיתה לו השפעה כל כך רחוק לכל הסרים למשמעתו, לכל התלמידים שהיתה להם הזכיה להיות מבין שומעי לקחו, ולהקשיב לדרשות המוסר שלו ונהנו מן ההדרכה שלו.

**לכן** והיה כי יאמרו אליך על מה אתה נאנח, אתה דייקא, שאתה נמצא כל כך רחוק, למה אתה גם כן נאנח, ואמרת על שמועה כי באה, הגיעה אלינו שמועה מרה, וממשיך הפסוק ונמס כל לב ורפו כל ידים, ויש לפרש גם המשך זה של הפסוק לענינינו, בהקדם מה שמצינו שאמרו חז"ל (ברכות) נמשלו ישראל ליונה, שנאמר (שיר השירים ב יד) יונתי בחגוי הסלע, והתוספות שם מביאים מדרש, כל העופות כשהם יגעים נחים על גבי סלע, אבל היונה בשעה שהיא יגעה, פורחת באחת ונוחה באחת, כלומר שהיונה יכולה להשתמש בשתי הכנפיים בזמן אחד לשני תפקידים שונים, בכנף אחת היא פורחת ובשניה היא נחה ואוזרת כח להמשיך ולפרוח.

**היהודי** הזה שאנו מספידים עכשיו, היה לו לב גדול מח עמוק מאד, איש הרוח איש המחשבה והפנימיות מצד אחד, אבל מצד שני היה גם איש המעשים, יהודי שנשא על שכמו משא כבד של עבודת הקודש, רבי יונה שלנו היה דומיא דיונה שפורח באחת ונח באחת, כשהוא היה נח מעבודה אחת, שלא אמר דברי תורה ולא אמר דברי מוסר, היה פורח בשניה שיצא לבתי נדיבי העם להתרימם עבור הישיבה, לעשות מעשים טובים להחזקת התורה, בשעה שהיה נחת באחת היה פורח באחרת, וזהו שאמר הפסוק, והיה כי יאמרו אליך על מה אתה נאנח, ואמרת על שמועה כי בא ונמס כל לב ורפו כל ידים, השמועה המרה הזו על פטירת רבי יונה היתה כפולה ומכופלת, ששני הכנפיים נעצרו ביחד, קודם כל כי נמס כל לב, זה מרמז על איש הרוח והמחשבה, איש המח והלב, שהתבטא בשיעורי התורה והמוסר והיותו הכח הרוחני של הישיבה, אבל לא זו אף זו, ורפו כל ידים, הידים של איש המעשה הפסיקו לעבוד.

**על** אלה אני בוכיה, על שבר כפול ומכופל שפקד אותנו, שנמס כל לב ורפו כל ידים, שני כנפי היונה נגדעו באחת, ואין זה פלא על מה אתה נאנח, וכמו שראינו זאת במוחש כאשר שמענו כאן קודם את הדברים הלבביים שבקעו מעומק לבו של הרב מנייטרא שליט"א [זצ"ל], באיזה שברון לב הוא דיבר, עד שאזלו כוחותיו והפסיק מלדבר, והוא התנצל על כך שאינו יכול לדבר יותר, כששמעתי את דבריו נפל ברעיוני מה שמסופר, שהיו שלשה גדולי ישראל בשעתו לפני כמה דורות, שבחיים חיותם היו מקורבים מאד זה לזה, אלו היו הגאונים הקדושים בעל הייטב לב זי"ע, בעל המהר"ם שיק זי"ע, והרה"ק רבי שמעלקא מסעליש זי"ע, הראשון מהם שנפטר היה הרה"ק רבי שמעלקא מסעליש זי"ע, ואחריו נפטר בעל המהר"ם שיק זי"ע, כשהספיד בעל הייטב לב זי"ע את ידידו ורעו המהר"ם שיק אמר כן, אנו היינו שלשה ידידים שביחד היינו כמו סגול, שלש נקודות, אחרי פטירתו של רבי שמעלקא סעלישער נשארתי עם המהר"ם שיק והיינו רק צירי, כבר לא היה חוט המשולש של סגול, עכשיו שנגזר עלי שאני צריך להספיד כבר את המהר"ם שיק, נשארתי נקודה בודדת ויחידה כמו חיריק.

**עם** פטירתו של רבי יונה זצ"ל אנו יכולים להבין את זה ולהרגיש את זה היטב, שהרי אחרי החורבן הגדול והנורא של כלל ישראל שנגזר עלינו בדור האחרון, כשכלל ישראל אבדו את הכי טוב ויקר שהיו לו, אהלי תורה נחרבו, מבצרי התורה ומקדשי מעט נעצרו אבל לא השבית לנו הקב"ה גואל, והשאיר לנו שלשת הרועים שימשיכו את קיום הישיבה המפורסמת ישיבת נייטרא שנתייסד על ידי הגה"צ רבי שמואל דוד אונגאר זצ"ל הי"ד, שהיה בשעתו רבן של ישראל והקים אלפי תלמידים.

**שלשת** הרועים לקחו על עצמם לבנות מחדש את מקום התורה הזה, ולנטוע מחדש את הישיבה המפורסמת והחשובה הזאת, הם המשיכו את קיום הישיבה בזמנים הקשים ביותר, תוך כדי בריחה מהצר הצורר אותם, כפי ששמענו מהרב מנייטרא שליט"א [זצ"ל] שסיפר, כשברחו מנייטרא לקארלסבורג, מקום שהיה ידוע תמיד כמקום שלשם מגיעים אנשים חולי הגוף, שהולכים לשם בשביל המעיינות שטובים בשביל הבריאות, אבל הם פתחו שם את מעיינות התורה והחכמה בשביל בחורי ישראל בחורי החמד, כדי שלא יהיה פסקה תורה מישראל גם בזמנים הקשים ביותר, ומשם המשיכו לנדוד למדינת צרפת, למקום שהיה שם מרכז התורה בשעתם של רבותינו הראשונים רש"י ובעלי התוספות, ושם נטעו מחדש את הישיבה, ומשם הגיעו למדינת אמעריקא, והקימו כאן מקומות תורה נהדרים כאלה.

**שלשת** הרועים שהיו כמו שלשה אחים, הלא הם הגה"צ רבי מיכאל בער ווייסמאנדל זצ"ל, ורבי יונה זצ"ל, ולהבחל"ח הרב מנייטרא שליט"א [זצ"ל], כשהיו ביחד הם היו כמו סגול שהוא שלשה נקודות, וסגול הוא מלשון עם סגולה, ועכשיו שלדאבונינו נשאר הרב שליט"א [זצ"ל] לבדו מאותם שלשה, הוא נשאר בבחינת חיריק, ואין זה פלא שהוא כל כך שבור, ושדיבורו נפסק באמצע ולא היה יכול להמשיך ולדבר.

**חז"ל** אומרים במסכת תענית (יז.) יונה אחרי דוד ושמואל היה. לענינו אפשר לומר, שאחרי מייסד הישיבה הגה"צ רבי שמואל דוד, היה רבי יונה אחד מעמודי התוך של המשך הישיבה, בירושלמי (סוכה ה.) איתא יונה מעולי רגלים היה, ובפשטות הכוונה שהוא היה מעולי רגלים, שעלה לרגל ונכנס לשמחת בית השואבה ושרתה עליו שם רוח הקודש, אבל לענינו יתכן אולי לומר בדרך אחרת, הרי כל אחד מאתנו יודע מה היה ר' יונה בשביל ישיבת נייטרא, תלמידי הישיבה יכולים להכריז עליו בצדק (מלכים-ב ב יב) אבי אבי רכב ישראל ופרשיו, ובגמ' (מועד קטן כו.) איתא על פסוק זה, מה הוא כפל הלשון אבי אבי, אבי השני הכוונה אמי, ויש לפרש דהנה האב דואג לרוחניות של הילד, והאם דואגת להגוף והגשמיות של הילד, רבי יונה היה בחינה של אב ואם ביחד עבור כל תלמיד ותלמיד, הוא דאג למחסורם הרוחני והגשמי כאחד, ושפיר ניתן לומר עליו אבי אבי, היינו אב ואם ביחד.

**ואם** נחשוב עוד קצת נבין גם המשך הפסוק, רכב ישראל ופרשיו, הרי ר' יונה היה יהודי עם גוף שבור, לא היה יכול ללכת עם רגליו, והיה צריך שיוליכו אותו עם כסא, בבחינת רכב ישראל ופרשיו, ובכל זאת היה אבי אבי, במסירות נפלאה לכל תלמיד כזה, בחינת אב ואם גם יחד, הוא לא היה מתעצל לעלות למעלה למקומות גבוהים כשהבחורים היו ישנים, הוא רצה לראות הכל שקורה בישיבה, לא היה דבר שהיה לו קשה מדי, והנה הגוף של האדם מחולק לכמה מיני איברים, יש לו ראש ולב שהם האיברים החשובים שהנשמה תלויה בהם, ויש איברים בדרגה נמוכה יותר כמו הרגלים, יונה מעולי רגלים היה, הוא היה מעולה מבחינת הרגלים, אצלו כל האדם היה רק ראש ולב, הרגלים לא היו אצלו, הוא היה מעולי רגלים, זה היה ר' יונה, ואמנם הוא נכנס לשמחת בית השואבה ששרתה עליו רוח של קדושה, ותמיד היה בשמחה ובאש קודש.

**בגמ'** (ברכות נג:) מסופר לגבי הפלוגתא בין בית שמאי ובית הלל בענין מי שאכל ושכח ולא בירך, אם צריך לחזור למקומו לברך, או שמברך היכן שנזכר, מספרת הגמ' שהיה אחד ששכח לברך ורצה לנהוג כבית הלל, ומצא יונה דדהבא יונה של זהב, ר' יונה שלנו הוא יונה של זהב, כפי שאמרו צדיקים כף אחת עשרה זהב, עשרה מרמז על האות י', כף אחת, היינו אם נותנים כפיפה אחת, עשרה זהב נעשים יהודי של זהב, ר' יונה לא נתן רק כפיפה אחת אלא היה העניו הגדול השפל ברך, הוא ברח מן הכבוד הרחק כמטחוי קשת.

**עליו** אפשר להמליץ את הפסוק בתהלים (ל יב) הפכת מספדי למחול לי, הפכת ר' יונה היה להיפוך מאנשים אחרים, היעלה על הדעת שגברא רבה כמותו לא יסכים לשבת במזרח, שלא יאות שיכבדו אותו לשבת למעלה, רק דוקא למטה בספסלים האחרונים, היעלה על הדעת שאיש מורם מעם שתופס מקום בראש בהרבצת התורה ובמוסר, לא ירשה שיכבדו אותו בשמחה של תלמידים, אם זה בחתונה אם בברית אם בשאר הזדמנות, אלא אדרבה יתנה תנאי למפרע שהוא ילך רק אם לא יתנו לו כבוד ובשום אופן, רק לפעמים כאשר כבר הכריזו את שמו והוא לא רצה לצער את המחותן, הלך בעל כרחו בבחינת כפאו שד, וזהו הפכת שהיית להיפך מאחרים, מספדי, זה הוא התוכן של ההספד היום.

**ומדוע** התנהג באופן כזה, על זה ממשיך הפסוק למחול לי, ויש לומר לפי מה שמובא בספר הק' בני יששכר (תמוז ואב מ"ד או"א) בשם הרה"ק בעל אוהב ישראל זי"ע על המשנה (תענית כו:) לא היו ימים טובים לישראל כחמשה עשר באב, אב הוא אותיות א"ב, חמשה עשר מרמז על האות החמשה עשר מבין האותיות, חמשה עשר באותיות א"ב, הוא האות ס' שהוא כעיגול, והוא מפרש לא היו ימים טובים לישראל, אין יותר יפה מזה אצל ישראל כשיושבים בעיגול, שבו אין למעלה או למטה אלא כולם שווים, בבחינת (תענית לא.) עתיד הקב"ה לעשות מחול לצדיקים שישבו בעיגול, כי שם אין חילוק בין המקומות וכולם שווים, וזהו לא היו ימים טובים לישראל כט"ו בא"ב, היינו כאות ס' שהוא בעיגול כמו מחול, הפכת מספדי, ולמה זה היה ככה, כי למחול לי, אצלו כבר היה בחינת מחול לצדיקים, הכל היה אצלו היינו הך, לא היה לו שום הבדל בין מקום זה לזה.

מצינו בפרשת השבוע פרשת (שמות יח כא) ואתה תחזה, שממש מתאר את העצמיות של ר' יונה שאנו מספידים עכשיו, מפורש בתורה מה חיפשו שם, אנשי חיל יראי אלקים

אנשי אמת שונאי בצע, ונראה כאילו הפסוק הזה ממש נתייסד עליו, וכי אפשר לדמות ולצייר לעצמנו באספקלריא המאירה מה זה ר' יונה, יותר מה שנאמר כאן בפסוק, אנשי חיל, היהודי השבור הזה שבעצם היה ממש שבר כלי, אבל כשהיה מדובר בכבוד התורה בכבוד שמים ויהדות, היה מתאזר כגבור ואיש מלחמה, והיה בבחינת אנשי חיל, יראי אלקים, היראת שמים שלו הרי כולם יודעים, אבל אני רוצה קצת לרדת לשורש הדבר, מהיכן נובע היראת שמים הגדולה שלו, אנו היינו ידידים נאמנים להבדיל בין חיים לחיים, שאבנו ממעיין אחד, למדנו באותה ישיבה ישיבת חכמי לובלין אצל הגאון רבי מאיר שפירא מלובלין זצ"ל.

**חז"ל** אמרו באבות דרבי נתן לשון נפלא, חייב אדם לקבל פני שלשה תלמידי חכמים שבדור, רבי אליעזר רבי יהושע ורבי עקיבא, ובודאי אין הכוונה שבכל דור ודור יש לקבל פניהם של שלשת התנאים האלו, אלא גדולי ישראל היו אומרים, ששלשה הגדולים האלה מסמלים שלשה עמודי העולם, כל אחד מהם הצטיין במיוחד באחד משלשת העמודים, עמוד התורה עבודה וגמילות חסדים, רבי יונה היה תלמיד מובהק מהרב מנייטרא זצ"ל, הוא למד אצלו עוד בישיבה בנייטרא, הוא היה תלמיד מובהק אצל הרב מלובלין זצ"ל שהיה איש התורה, וכן משאר הגדולים בתורה שהיו שם בלובלין, וכן היה קשור לגדולי ישראל נושאי דגל החסידות, קיים רבי יונה בעצמו מאמר חז"ל, חייב אדם לקבל פני שלשה תלמידי חכמים שבדור, היה תלמיד מובהק אצל כל שלשת העמודים, כשאומרים שהוא היה ירא אלקים, צריכים להבין שהוא דיבר מאליו מתוך ההשפעה של קדושה שהיתה לו מגדולי רבותיו, וזה יצא ממנו בדברי מוסר כאש ושלהבת.

**רצוני** לספר לכם סיפור נפלא שסיפר לי בנו חורגו רבי שלמה זצ"ל, שר' יונה היה נוהג למסור שיעור של חמש עד עשר דקות לפני קריאת התורה בשבת באיזה ספר מוסר, ובדרך כלל היה מבקש איזה ספר, והיה מתכונן בו לפני זה מה יאמר, פעם זה היה רמב"ם או שלה"ק ופעם פלא יועץ וכדומה, היה פעם אחת שהוא ביקש והתכונן בספר רמב"ן, וכשהגיע למסור את השיעור שינה את דעתו ולימד איזה ספר אחר, אחרי השיעור שאלו ר' שלמה, מדוע שינה ולא לימד את השיעור בספר הרמב"ן שהתכונן בתחלה, ענה לו ר' יונה, אחרי שהתכוננתי ראיתי שנכנס לכאן יהודי, שהבנתי שאם אני אגיד את הדברים שנאמרים שם ברמב"ן, זה יכאב מאד ליהודי הזה והוא עלול להפגע, ולכן החלטתי שלא ללמוד את הרמב"ן אלא ספר אחר, איזה השגה של יהודי, איזה עומק בקיום הפסוק (ויקרא יט יז) הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו חטא, הוא רצה להדריך יהודים בדרך הנכונה לשפר את מעשיהם, להעלות אותם מדרגה, אבל ח"ו שלא לצער אותם, שלא להכאיב להם, אם חשב שח"ו זה עלול להכאיב לאחד, זה לא היה שוה בשבילו.

**עוד** סיפור נפלא עליו ששמעתי, והוא הדרכה חשובה לכל מי שצריך לעסוק בעסקנות וצרכי ציבור, היה יהודי אחד בנוא יארק שפתח חנות של מאכלים, והיה מוכר שם דברים שונים, ובהם גם עיתונים וזשורנאלען שונים, שחלקם לא היו לפי רוח חכמים ובניגוד ליראת שמים, היו אנשים שונים שהלכו למחות והציקו לו, וגם איימו עליו שידפיסו נגדו קול קורא, כדי שידעו בבתי כנסיות ובתי מדרשות שאין לקנות אצלו, כי הוא מפיץ לכלוך וכדומה, אך היהודי הזה לא השתנה ועמד בשלו, כשהגיעו הדברים לאזני ר' יונה, הלך אליו בעצמו לחנות, ועמד שם מבחוץ, הוא חיכה שהחנות תתרוקן והאנשים יצאו משם, ואחר כך קרא לבעל החנות ואמר לו, אני רוצה לשלוח אליך אנשים שיקנו אצלך, אני רוצה להמליץ ליהודים שיקנו דוקא אצלך, כדי לעזור לך בפרנסה בדרך כבוד, אבל אני רואה כאן עיתונים כאלה, ואני חושש שיהודים לא ירצו לבוא לכאן, ואינני יודע מה לעשות, המילים הספורות האלו ירדו לחדרי בטנו, ובו ביום הוציא היהודי הזה את כל הלכלוך מהחנות שלו ויותר לא החזירם, רואים אנו מזה איזה כח של השפעה יש ליהודי ירא אלקים, דברים היוצאים מן הלב נכנסים ללב, ומה שכל האיומים לא היו יכולים לעזור, המילים הספורות האלה עזרו.

**הפסוק** ממשיך ואומר אנשי אמת, על ר' יונה אפשר לומר יונה בן אמיתי, היינו איש האמת, אדם שלא התכוון בשביל עצמו, והכל היה רק למען כבוד שמו יתברך, מצינו בפסוק (ישעיה מג כב) ולא אותי קראת יעקב כי יגעת בי ישראל. יש לפרש דידוע שבחינת ישראל גבוהה יותר מהבחינה של יעקב, והפסוק אומר, גם אם אתה במדרגה נמוכה כזה שאפילו בדרגת יעקב אינך, ולא אותי קראת יעקב, בכל זאת כי יגעת בי, אם אתה מתייגע בתורה ועבודה בשבילי ואתה מתכוון אלי, אז ישראל אתה כבר במדרגת ישראל, כי אתה מתכוון לעשות נחת רוח לבורא יתברך.

**איתא** בירושלמי (סוכה ה.) יונה בן אמיתי, אמו מאשר ואביו מזבולון. יש לומר דידוע האימרה שאמרו כמה גדולי ישראל על הפסוק (בראשית מט כ) מאשר שמנה לחמו והוא יתן מעדני מלך. שמרמז על הענין של מסתפק במועט לעצמו, אבל לאחרים לא, והיינו שמנה לחמו, שהלחם שלו היא שמנה בשבילו, שאינו צריך יותר מזה, אבל והוא יתן כשבא לתת לאחרים, אז מעדני מלך, וכמו שכבר דיברנו, הוא הרי היה אבי אבי בחינת אב ואם, הוא דאג לתת לאחר מעדני מלך, אם זה בנוגע לתלמידי הישיבה אם בנוגע ליהודים אחרים, לכל אחד צריך לתת מעדני מלך, רק בשביל עצמו היה שמנה לחם, הלחם שלו היה שמן בשבילו והסתפק בזה.

**הפסוק** ממשיך שונאי בצע, בענין זה שמעתי דברים שממש לא יאומן כי יסופר בזמנינו, ואולי גם בדורות הקודמים זה היה דבר נדיר, למשל שהוא לא לקח לעצמו שום תשלום גמול, לא מאת הישיבה ולא מבית המדרש כאן, אני מאמין שיש יהודים הנמצאים כאן ואין יודעים אפילו מזה, אבל אני אומר לכם כי כנים הדברים, ויודעי דבר יאשרו זה, שלא נהנה אפילו בשוה פרוטה לא מן הישיבה ולא מבית המדרש, הנמצא כזה איש אשר רוח אלקים בו.

אמר הכתוב (שיר השירים ו ט) אחת היא יונתי תמתי. לענינו אפשר לומר, אינני רואה עוד אחד כמו ר' יונה, אדם עם כח כזה שעבד עבודה כל כך קשה ומייגעת, לא עבודה אנושית, במסירות נפשכזה, ובכל זאת לא לקח לעצמו כלום, הרי זה ממש בבחינת אם

כתוב בתהלים (עא ח) פי יגיד תהלתך כל היום תפארתך, הראשי תיבות של פ"י, הוא יונה פארסט, פי יגיד תהלתך, כשאני צריך לומר השבח של ר' יונה, אז כל היום תפארתך, אפשר לדבר מן הפאר של ר' יונה, להגיד השבחים שלו כל היום, כל המעת לעת של היהודי הזה היה כולו קודש לה', לא היה חי לעצמו רק למען הרבונו של עולם, הן בין אדם למקום והן בין אדם לחבירו, כפי שהאנשים שהיו קרובים אליו יכולים להעיד, שהיה מצליח לשמח כל אדם ולעשותו מרוצה, הרי בדרך כלל אין אדם שיכול לעשות אחרים מרוצה, שהרי יש כלל של חז"ל (קה"ר פ"א סי"ג) יש לו מנה רוצה מאתיים, יש לו מאתיים רוצה ארבע מאות, כמה שתתן לו הוא ירצה עוד, אבל ר' יונה הצליח לספק ולשמח אנשים, ואם תשאלו איך עשה זאת, הוא קיים מה שנאמר באבות דרבי נתן (פ"ג) כל המקבל את חברו בסבר פנים יפות, אפילו לא נתן לו כלום כאילו נתן לו כל מתנות שבעולם, וכל זאת אפילו לא נתן לו כלום, ומי מדבר אם כן נתן לו, רק שבנוסף להנתינה גם הראה לו סבר פנים יפות, כשהוא מראה לו שמחה, כשהוא מקבל אותו בשני ידים, הוא שואל בשלומו והוא מראה לו שרוצה לעשות לו הכל, והוא מתנצל על זה שאינו יכול לעשות יותר, זה נחשב כאילו נתן לו כל מתנות שבעולם.

## דברי יונה באידיש
## על עניני שבת קודש

לא תבערו אש בכל מושבתיכם ביום השבת (שמות לה ג). די ספרים הק' (בעל העקידה פ' ויקהל) ברענגען אז דאס גייט ארויף אויפ'ן אש המחלוקת, דאס טוט מען געווענליך גורם זיין דורך דעם וואס מען רעדט וואס מען דארף נישט צו רעדן, מען זעט טאקע נישט ווען דער דיבור גייט ארויס, אבער דער דיבור בלייבט אין חלל העולם עס איז נישט לבטלה, סיי גוטע דיבורים און סיי שלעכטע דיבורים בלייבן אין חלל העולם און פון דעם געשעהט דערנאך פעולות ווי די גמרא (ערכין טו:) זאגט אז לשה"ר איז הורגת שלשה וכדו', ובפרט שבת, א גאנצע וואך איז דאך א מענטש טרוד במלאכתו ובפרנסתו, אבער שבת ווען ער איז נישט טרוד איז דער חשש גרעסער אז ער זאל דעמאלטס רעדן איבעריגע זאכן וואס דורך דעם וועט זיך אנצונדען דער אש המחלוקת, וועגן דעם זאגט דער פסוק לא תבערו אש בכל מושבתיכם ביום השבת. אויך שטייט (שלה"ק פ' ויקהל) אז דאס גייט ארויף אויפ'ן פייער פון גיהנם וואס אום שבת ברענט עס נישט אבער דער אש המחלוקת און כעס איז גורם דאס אנצוצינדען, אויף דעם זאגט דער פסוק לא תבערו אש וגו' ביום השבת.

נאך קען זיין פשט, עמיצער איז אמאל צוגעקומען עפעס רעדן מיט'ן צאנזער רב זצ"ל בשעת ער האט געהאלטן אין מיט'ן לערנען, האט ער אים געזאגט, ביסט גרייט מיט צו עסן, ס'איז גארנישט געווען דארט וואס צו עסן, נאר די גמרא זאגט (חגיגה יב:) כל הפוסק מדברי תורה ועוסק בדברי שיחה מאכילין אותו גחלי רתמים. געט מען אזעלכע גליעדיגע קוילן פון דעם רותם האלץ, נו זאגט ער, איר ווילט דאך מיך ברעגען דערצו אז איך זאל דא מפסיק זיין וועט מען דאך געבן צו עסן גליעדיגע קוילן, קומטס מיט עסן. עכ"פ מאכט מען אויך א פייער אן מיט דעם וואס מען טוט מפסיק זיין ממשנתו, עס שטייט אין מדרש (הובא בטור או"ח סי' ר"צ) די תורה האט געזאגט פאר'ן אייבערשטן, ווען די אידן וועלן אריינגיין אין ארץ ישראל זה רץ לכרמו וזה רץ לשדהו יעדער וועט לויפן צו זיין ארבעט און וואס וועט זיין מיט די תורה, האט דער אייבערשטער געענטפערט, איך געב דיר דער שבת, אום שבת ארבעטן זיי נישט וועלן זיי האבן צייט צו לערנען. דאס זאגט דער פסוק לא תבערו אש וגו' ביום השבת, מען זאל נישט זיין קיין פוסק מדברי תורה און אנצינדען קיין גחלי רתמים, אדרבא דער שבת איז געגעבן געווארן פאר דעם צו עוסק זיין בתורה, בפרט עס קומט יעצט די זומער שבתים אזעלכע לאנגע טעג, דער כתב סופר זצ"ל האט געהאט א מנהג ער פלעגט זיך פרי לייגן פרייטאג צו נאכטס און צוועלף אזייגער איז ער שוין אויפגעשטאנען און ער האט געלערענט מיט צוויי בחורים [וועגן די ליכט] ביז אינדערפרי א זעקס זיבן שעה, פלעגט ער צו זאגן, מען זאל נאר נישט אויסזאגן פאר קיין גוי וואספארא תענוג דאס איז אויפצושטיין פארטאגס בפרט א שבת פארטאגס און צו לערנען א פאר שעה, זאגט ער, ווייל ווען א גוי זאל דאס ווען וויסן, ער האט מורא אז ער וואלט עס ווען נאך נאכגעמאכט. נו, מען דארף נישט אזוי מורא האבן פאר דעם.

עכ"פ שבת איז דאך א הייליגער טאג, כי קודש הוא לכם מחלליה מות יומת. דער פרי מגדים ברענגט (מתן שכרן של מצות חקירה ז') אז אין א הייליגער טאג איז יעדע זאך הייליגער, למשל ווען א מענטש גנב'עט אום יו"כ אדער אום שבת איז עס הארבער דער עונש ווי אין א וואכן טאג, כאטש גניבה האט דאך נישט קיין שייכות מיט'ן איסור שבת און יו"כ, דער טאג איז הייליגער איז יעדע עשיה הן למצוה הן חלילה לעבירה איז עס שטארקער, די קדושת היום גייט מיט מיט יעדע זאך.

מדור

# מבאר תורתו

דרשות בענינים שונים

ג

## ממרן הגה"צ זצ"ל

## נתפרסם לראשונה

לרגל ההילולא קדישא

המשך משנת תשפ"ג הערל"ט

## בעניני 'לימוד התורה'

**איך** וויל מעורר זיין א נקודה לגבי גמילות חסדים, איך שטעל מיר פאר אז עס איז דא אזעלכע וואס זיי טראכטן אסאך מאל אויך אזוי נאר עס איז פארהאנען אזאך וואס ווערט פארשלאפן, אז מען טוט נישט אין דעם ווערט דאס א רגילות, דערנאך דאכט זיך שוין אז עס איז גאר א מצוה און אזוי ברויך צו זיין, נאר איך מיין אז מען איז מחויב צו וויסן, אפשר וועט עס אמאל צונוץ קומען, און דערנאך סוף כל סוף טאר מען קיינמאל זיך נישט מייאש זיין, מען קען נישט וויסן, עס קען זיך אמאל דער זעלבער וואס ער האט גאר אנדערש געטראכט קען זיך אמאל איבערלייגן, ער וויל דאך פארט אויפוואקסן א איד ווי עס דארף צו זיין.

**עס** איז דאך נישט מעגליך אז אין דעם לעבן וואס דער מענטש לעבט אדורך זאל ער נישט זיין אנגעוויזן אויף די טובה פון מענטשן, דאס איז כמעט מן הנמנע, עס קומט כסדר אויס במשך פונעם לעבן אז מען דארף די טובה פון א שכן אדער פון א צווייטן, עס איז דאך נישט מעגליך אז מען זאל אלעס קענען אליין טוהן אן צו דארפן עפעס הילף, דאס אז דער אייבערשטער דארף צו העלפן א מענטש יעדע רגע פונעם לעבן, פון דעם איז דאך אוודאי נישט קיין רעדע, ווען מען האט נישט סייעתא דשמיא איז א מענטש א פארלוירענער חלילה, יעצט איז דאס דאך סברא'דיג און די תורה זאגט דאך אויך אזוי ואהבת לרעך כמוך, איז דאך די סברא אז מען דארף אמאל אנהייבן צו טוהן אין דעם, מען דארף אנהייבן גוט צוטאן איינער מיט'ן צווייטן, און אז מען טוט מטיב זיין בין אדם לחבירו, איז ממילא ווערט נתעורר דערנאך די פעולה אויף שפעטער מדה כנגד מדה דעמאלטס ווען דער מענטש ווערט נצרך צו דעם.

**וואס** זאל איך זאגן, וויפיל צער איז דאס אז עס איז דא בחורים וואס זיי וואלטן געדארפט האבן הילף, אוודאי וואלט גוט געווען ווען יעדער בעסטער בחור וואלט געלערנט מיט יעדן שוואכסטן בחור א גאנצן טאג און ער גיט אים איבער וויפיל תורה ער קען, אוודאי וואלט דאס געווען גאר א גרויסע זאך, אבער סוף כל סוף ער דארף דאך שטייגן אין לערנען, ער דארף דאך זיין חלק בתורה ארויסנעמען, אבער איך זאל זאגן אז מען איז פטור, דעם צווייטענס צער און עגמת נפש האט קיין שייכות נישט צו מיר?, דאס קען מען נישט זאגן, און דאס וואס א ערנסטער בחור לערנט א האלבע שעה עטליכע מאל א וואך מיט א צווייטן וואס ער דארף אביסל הילף האט אזא מין רושם אז עס נוצט צען מאל מער פון וויפיל מען קען מסביר זיין און בעסער, ער זעט מען וויל אים העלפן ער באקומט דורך דעם א התחזקות.

**עס** זענען דאך דא כמה פעמים וואס מען קען לערנען מיט שוואכערע, אמאל מיטאג צייט אמאל ביינאכט צו איז עס שבת, א איד איז דאך מחויב צו טאן גמילות חסדים, עס איז דא אויף דעם כמה פסוקים און מאמרי חז"ל, הגם נישט אלעמאל איז עס לויטער לפי הכבוד, אבער פאר תורה דרש'נען חז"ל (תדא"ר פ"ו) אויף יחזקאל בן בוזי בן שמבזין את עצמן על כבודי כל ימיהן. מען איז מזכה זיך מען איז מזכה א צווייטן, א מענטש דארף זיך דאך צו שלאגן פאר די תורה, יעדער אין א געוויסע פארעם, צו טוהן חסד מוז נישט דער בחור שטארק געפעלן, נאר פשוט רחמנות האבן ורחמיו על כל מעשיו, ער האט יעצט נישט מיט וועם צו לערנען, און אז ער שלאפט אינעם צייט ווען עס איז צום לערנען וכדו', און ער וועט מכיר טובה זיין, אפילו ווען ער האט נאך נישט יעצט די שכל מכיר טובה צו זיין, אבער די צייט וועט קומען, און אין הימל וועט מען זיכער מכיר טובה זיין, אז איינער העלפט פאר'ן צווייטן איז מען מעורר מיט דעם סייעתא דשמיא פון אויבן מען זאל אים העלפן.

**ווי** אפט קומט פאר אז א בחור זיין חבר פארט צו א חתונה אדער ערגעץ אנדערש, ער איז יעצט אליין, און אין דער אנדערער ווינקל זיצט א צווייטער וואס ער פלאגט זיך ער האט נישט מיט וועמען צו לערנען, ער וואלט גליקלעך געווען ווען ער וואלט עמיצן געהאט, וואס וואלט געווען ווען ער גייט דעמאלטס צו צו אים און ער זאגט אים, מיין חבר איז נישטא ווילסטו לערנען?, און ער לערנט מיט אים דעם טאג, עס קען זיין אז ער איז משנה דעם בחור אויפ'ן גאנצן זמן!, ער זעט אז עס איז דא עמיצער וואס עס גייט אים אן, ער איז נישט קיין הפקר אויף די וועלט וואס קיינעם ארט נישט וואס ער קען און וואס ער קען נישט, אט די מצות גמילות חסדים איז זייער מוזנח און גרינגעשעצט, מען האט נישט קיין השגה ווי חשוב דאס איז אין הימל.

**און** ווען מען האט אין דער יוגענט האט מען דאס געטאן מיט'ן גדר פון תורה, אז מען האט געזען א בחור אז ער פלאגט זיך אדער ער זיצט אליין און וואס ער טוט, ער מאכט זיך אפשר גאר נאריש ער שפילט זיך ארום, וואס זאל ער טוהן, אז אליין קען ער נישט לערנען און דער קאפ איז אים מסתמא אויך נישט דערביי וכדו', און ער פארגעסט אינגאנצען אז ער זיצט דא אין ביהמ"ד, אבער ווען עס וואלט צו אים צוגעגאנגען א בחור אים פרעגן ווילסט לערנען אביסל? וואלט ער ווען דאך גליקלעך געווען, און ווער ווייסט ווי אפט מען וואלט געקענט א בחור אפהיטן פון צו הערן שלעכטע רייד און זיין מויל זאל זיין אפגעהיטן וכדו', און עס וואלט פאר דעם בחור דעם מתמיד דעם ערליכען דעם גוטן גארנישט געשאדט צו שטייגן, נאר פארקערט, דער אייבערשטער וועט עס אים געדענקען, דער אייבערשטער פארגעסט נישט אזא זאך, אז דו העלפסט א צווייטן העלפט דער אייבערשטער דיך, די אתערותא דלתתא איז מעורר אתערותא דלעילא.

**איך** רעד אמאל מיט יונגעלייט איך געב א פרעג, נו, ווי האלט מען ביים לערנען וכדו', און זיי זאגן, דער און דער בחור האט מיך געברענגט צום לערנען!, דאס מיינט נישט אז יענער האט גאר געגעבן דער שיעור וכדו', נאר אמאל אז ער האט עפעס נישט פארשטאנען אדער ער האט נישט קיין חשק געהאט וכדו' און עמיצער האט זיך מיט אים אפגעגעבן, ממילא האט ער חשק באקומען און האט ער אנדערש צוגעהערט דעם שיעור און בעסער געלערנט וכו', מסתמא האט שוין דער בחור לאנג פארגעסן אז ער האט דאס געטאן, אבער אויבן אמאל ווען מען וועט מאכן דעם חשבון וועט מען דאס אויפווייזן, דורך ווי איז דער בחור געווארן א בן תורה א ת"ח, און דאס געדענקט מען אין הימל.

**באמת** דער זמן פון מוסר איז אייביג, דער זמן פון חשבון הנפש איז אלעמאל, אבער ווען עס איז דורכגעגאנגען א שטיקל צייט, יו"ט צייט וכדומה, און מען זעט ווי גרינג ווערט מען דערווייטערט פון תורה, ווי ווייניג אנשטרענגונג דער יצה"ר ברויך צו מאכן מען זאל דערווייטערט ווערן, סוכ"ס וויל מען דאך לערנען און מען לערנט טאקע, אבער עס טרעפט זיך דאך אין לעבן כמה וכמה פעמים מען דארף עפעס צו טון אויף פרנסה וכדומה, דארף דאך א מענטש האבן זיך צוגעגרייט דערצו, די תורה דארף זיין דאס עיקר, און דאס אנדערע מוז איך אלעדיגן שנעל, און שוין צוריקקומען צו די תורה. אין אמת'ן אריין ווען א מענטש האט ליב די תורה, ער האט א זכיה ליב צו האבן די תורה, וואלט ער דאך אין אזעלכע טעג הערשט אנגעפילט די צייט, לאמיר זיך נאר מתבונן זיין וויאזוי זעט אויס א תענית, א תענית וואלט דאך געדארפט זיין א מחיה, דעמאלס האט מען נישט קיין ביטול פון קיין עסן וכדומה, מען קען א גאנצן טאג לערנען, דאכט זיך אבער למעשה אז דאס איז עפעס אזא מדריגה, אז מען עסט נישט דארף מען דאך זיין שוואך, און דער קאפ דארף ווי' טון און אלע זאכן. עכ"פ דאס איז זיכער אז מען פארשטייט לערנען איז מען צופרידן, א נייער מענטש, א ניכטערער נפש, און נעבעך וויאזוי פילט מען ווען עס גייט אים נישט אין לערנען, ער האט נישט קיין מנוחה, ער פילט הויל און נישט גוט.

**די** משנה זאגט אין אבות (פ"ד מ"ב) מצוה גוררת מצוה עבירה גוררת עבירה, ביי יעדע זאך איז דאך דאס דער סימן אויב מען מיינט עס ערליך, וואס עס ברענגט אליין מיט זיך און וואו אהין עס פירט. למשל בנוגע לימוד התורה ובפרט ביי בחורים אין די ישיבה, אז עס מאכט זיך אז מען דארף גיין צו א שמחה וכדומה וואס עס איז, אז מען מיינט עס ערנסט און נישט פשוט אליין א הפקר זאך, כתינוק הבורח מבית הספר, דעמאלטס דארף דאס נישט גורם זיין א ביטול נאך איר מער ווי מען מוז, אן ערליכער בחור אז ער דארף אהיים צו פארן וכדומה, איז ער שוין צוריק פריעסטנס און זיצט שוין ביי די גמרא, און דאס איז א סימן אז די זאך איז ערליך, אבער טאמער ברענגט דאס די פארקערטע, עס איז גורם אומזיסטע ביטולים, איז עס גארנישט קיין ערליכע זאך, עס איז בלויז נאך איינס פון די יצר הרע'ס וועגן ווי אזוי מבטל תורה צו זיין, ווי די גמרא (סוכה נב.) זאגט אז דער יצה"ר האט אסאך שמות הנרדפים, ער ווערט אנגערופען מיט פארשידענע נעמען, רע ערל טמא חוטא וכו'. וויל עס איז אלעמאל נשתנה

צורתו, יעדעס מאל קומט ער מיט א פרישען תירוץ און מיט אן אנדערען מיטל ווי אזוי זיך ארייַנצוכאפּן.

**אז** די תורה איז צוגעבינדען צום הארץ, לייגט מען איר נישט אוועק באלד ווען עס מאכט זיך עפעס דער קלענסטער ביטול, אז עס איז נישט צוגעבינדען צום הארץ דעמאלטס איז יא אזוי, דעמאלטס אז מען איז אביסל מיד נאכמיטאג וויל מען איז אויפגעוועזען שפעט לייגט מען זיך דאך שלאפן, און אז מען שלאפט נאכמיטאג קען מען דאך נישט ביינאכט גיין באלד שלאפן, אבער ביינאכט האט מען דאך נישט קיין נארמאלן סדר, שמועסט מען ארום אדער בטל'ט מען, דערנאך לייגט מען זיך שפעטער ביינאכט, ממילא אז מען לייגט זיך שפעט קען מען דאך נישט פרי אויפשטיין איז דער פארטאגס אויך אזוי, איז ממילא איז עס א בנין עד עד, קען עס שוין פארשלעפן אזוי א וואך צוויי.

**עטץ** זאלטס נישט מיינען איך מיין דא חלילה מחמת כעס, איך פארשטיי איך בין דאך אויך יונג געווען, אמאל איז דא אינטערסאנטע זאכן, מען וויל זיין ביי א חבר'ס חתונה וכדומה, מען מאכט אבער נישט דעמאלטס דעם זעלבן חשבון, אלגעמיין זעה איך דאך אפט ביי מענטשן אז עס קומט אויס עפעס אן ענין וואס מען ברויך צו פארן, מאכט מען א חשבון  אז אזויפיל קאסט די שפעזן, און אזויפיל צייט אהין און אהער, אלעס ווערט גערעכענט, מען טוט נישט אן א חשבון. אבער וואס עס איז נוגע לגבי תורה, טוט א בחור זייער אסאך מאל זאכן אן א חשבון, מען מאכט זיך אן אפוינטמענט אן א חשבון, אויב דעמאלטס וועט אויסקומען דער ביטול איז גרעסער, אפשר זאל מען עס מאכן אויף אן אנדער אויפן, אמאל האבן דאס די עלטערן אינזין, אבער אסאך מאל טראכט דער טאטע אויך נישט, ער איז פאריאגט וכדומה.

**אבער** מען רעדט דאך דא צו אזעלכע בחורים וואס איך ווייס אז עטץ ווילטס קענען לערנען, און עטץ ווילטס ערליך לערנען, עטץ ווילטס נישט סתם קענען לערנען ווייל תורה איז א חכמה, נאר ווייל עטץ ווילטס זיין אידן! דארפט עטץ אליין דאס צו וויסן, אז מען איז אויף ביינאכט, מוז מען ברענגען דעם קרבן אז מען זאל בייטאג אויך אויפזיין און זיך פלאגן. איי ווי קען איך מיך פלאגן, זאג איך ענק, איך בין עדות און נאך טויזענטער מענטשן זענען עדות, אז מען האט געקענט אויפזיין ביינאכט און אויפזיין בייטאג איין טאג און צוויי טאג און שווער געארבעט און נישט באקומען צו עסן, מען האט געקענט! האט דער רבוש"ע געוויזן מען קען עס יא, ווייל א גוי איז געשטאנען מיט א גאן און ער האט געהייסן, האט מען געקענט, און אז דער אייבערשטער גיט חסד, און עס שטייט נישט קיין גוי מיט א גאן, און מען שלאגט נישט און מען רצח'ט נישט, מען גיט די בחירה פאר'ן מענטש, דארף מען דען זיך נישט פלאגן אויף תורה, און דאס איז פשט (ברכות סג:) אין התורה מתקיימת אלא במי שממית עצמו עליה. און איך מיין אז וואס מען טוט איז נאר ווייל מען טראכט נישט אריין, ווען מען וואלט משים אל הלב געווען מיט אביסל ערנסטקייט, וואלט עס נישט געקומען דערצו אז מען זאל דארפן רעדן דערפון.

## בעניני תפלה

איך וועל פארלערנען א שטיקעלע יערות דבש, איך וועל איבערזאגן זיינע ווערטער אויב טרוי איך מיך, ער (רבי יהונתן אייבשיץ זצ"ל) איז געווען רב אין אה"ו (אלטונא, האמבורג, וואנדסבעק) ער האט געהייסן דעמאלטס פון די גדולי עולם, ער ברענגט אויף א פלאץ זאגט ער, איך ציטער אז מען וועט זאגן, עטץ וועטס קוקן אויף מיר און זאגן, ער האט אונז געזאגט מוסר?, דער מענטש האט אונז געזאגט אז מען זאל גוט זיין?, פאר דעם האט דער רבי ר' יונתן געציטערט, אבער, זאגט ער, קיין אנדערער זאגט נישט, וואס זאל איך טוהן, ווען איינער וואלט ווען געזען אז מען רויבט פון זיין חבר אוועק געלט, סוכ"ס איז ער אים א חבר, וואלט ער ווען א געוואלד געמאכט און געשריגן, ער וואלט ווען שוין עפעס געטאן, און אז מען רויבט אוועק א שטיק נשמה און מען שווייגט און מען רופט זיך נישט אן, עמיצער מוז דאך זיך אנרופן, מוז ער דאס זיין, אבער ער האט מורא פאר דעם און ער שעמט זיך מיט דעם, רעדט ער דארטן פארשידענע זאכן אין די דרשות, חסידות און יראת שמים יעדע דרשה איז אויסגעווייקט מיט אלעם, ער רעדט דארטן זאכן וואס לכאורה קען מען טראכטן היינט גייט דאך שוין דאס נישט אן, חתן כלה וויאזוי זיי דארפן זיך צופירן.

**היינט** פירט מען זיך שענער ווי צו די מענטשן וואס ער רעדט דארט, אבער ער רעדט דארט אין די דרשות פון מותרות, איבריגע זאכן, עס פארשטייט זיך אז דער מותרות פון דעמאלטס און היינט האט דאך נישט קיין דמיון, מען קען דאך דאס נישט צוגלייכן, היינט דער יצה"ר וועט זיך אלץ אן עצה געבן, ער האט גע'כשר'ט אלע מותרות זאכן אז זיי זענען וויכטיג, יעדע זאך וואס איז געווען מיט א פאר יאר צוריק מותרות איז דאס היינט א הכרח, איך דערמאן זיך נאך ווען מען האט א מלבוש געקויפט פאר א קינד איז די גאנצע משפחה גליקלעך געווען, זאגט ער אויף א פלאץ די ווערטער, העידה עלי שמים וארץ אז ווען איך טו אן א פעלטץ שעם איך מיך!, בגדי משי אויף שבת אולי קען איך נאך זאגן לכבוד שבת, אבער אזא פעלטץ אנצוטאן, א מענטש ווי איך וואס איז אזוי שמוציג מלא כתמים און איך טו מיך אן פונדרויסן אזוי שיין, דאס זענען ווערטער וואס ער זאגט, און ער איז געווען אויף א שיינעם געהאלט דער ר"ר יונתן, דאס איז געווען דעמאלטס א מותרות, מיר פארשטייען גארנישט די דיבורים, א ווארימער מלבוש איז אויך מותרות?..

**וועל** איך פארלערנען א שטיקל דרשה פון ר"ר יונתן, דא רעדט ער דעם ענין פון תפלה וויאזוי א איד דארף צו דאווענען, די דרשה איז פון יאר תק"ד ז' אב, זאגט ער אזוי, **וצריך האדם להיות חרד בתפלה ומפחד כי זה אשר נשאר לנו בגולה, ואין לנו עבודה וזהו עבודה, וכמה יש לאדם להתבונן בו ולעמוד בהכנעה יתירה ובכפיפות קומה, ומילין לצד עילאי ימלל בנחת ובכוונה, ואשרי למי שמתפלל בדמע בלב נשבר ונדכה כי לא ישוב ריקם, ועל מה נבטח בגולה ומה יגן בעדנו אם לא בתפלה ובקשה מקירות הלב.** א מענטש דארף צוגיין צום דאווענען מיט א ציטער און אן ערנסקייט ווייל דאס איז דאך וואס איז געבליבן מיט אונז אין גלות, קיין עבודת קרבנות האבן מיר נישט און די תפלה איז במקום עבודה, ממילא וויפיל דארף דער מענטש זיך מתבונן זיין איידער ער גייט דאווענען און ווען ער דאווענט, ער איז מקריב דעם קרבן וואס מען האט, דער מין קרבנות וואס מען פארמאגט בזמן הזה, ער דארף דעמאלטס שטיין מיט הכנעה נישט מיט די מידה פון גאוה דאס איין רעדן זיך.

**בכלל** איז דאס א שטות א מענטש וואס רעדט זיך עפעס איין אז אים קומט זיך עפעס, האט ער ווען איין זינד האט מען זיך דאך אויך נישט וואס איינצורעדן, און אודאי יעדער ווייסט דאך וואספארא פעקל מען האט, דארף מען צו שטיין מיט הכנעה פאר'ן רבוש"ע וואס ווייסט אלעס וואס ער זעט אלעס, ער רעדט ארויף צום אייבערשטן בנחת ובכוונה, און וואויל איז דעם מענטש וואס האט די זכי' צו דאווענען מיט טרערן, עס זאל זיך גיסן פון אים טרערן, אז די הארץ זאל זיין צעבראכן און געדרוקט, אזא תפלה וועט נישט ליידיג צוריקומען, אויף וואס קען מען זיך דען פארזיכערן, נאר מיט דעם אז דער אייבערשטער וועט אונזערע תפילות אנעמען, עפעס אנדערש האבן מיר דאך נישט וואס צו פארקויפן, וואס קען שיצען אויף אונז ווען נישט תפלה און בקשה פון די טיפקייט פון הארץ.

**אוי לנו אשר נאמר (איכה ג מד) סכותה בענן לך מעבור תפלה, ומהו הענן, הוא אדים והבל שיש בו חטא היוצא מפי איש ואשה כל יום וביחוד שיחה בטלה בבית הכנסת ומכל שכן בעת התפלה, הכל הוא עולה בעב וענן ומונע לתפלה לעלות.** ווי איז צו אונז וואס דער אייבערשטער זאגט איך האב געמאכט א צודעק מיט א וואלקן איך לאז נישט אדורכגיין די תפלה, אן תפלה קענען מיר דאך אונז נישט עקזעסטירן ווער דען זאל אונז העלפן, און דו האסט א מחיצה געמאכט וואס לאזט נישט אדורכגיין די תפלה, און וואס איז די וואלקן וואס דעקט צו וואס לאזט נישט אונזערע תפלות אדורך, דער וואלקן מאכט זיך פון דעם הבל פונעם דיבור וואס עס גייט ארויס פונעם מויל וואס מען רעדט און כל שכן וואס מען רעדט אין שול וכ"ש בשעת דאווענען, חז"ל זאגן (חגיגה ה:) אפילו שיחה קלה שבין איש לאשתו מגידים לו לאדם בשעת הדין. די הייליגע תנאים די הייליגע אמוראים האבן קיין איין ווארט נישט געזאגט איבריג, אז זיי האבן דאס געזאגט איז דאס אמת וצדק, חלילה ווען א מענטש גלייבט נישט אין דעם איז ער נישט קיין מאמין ווי דער רמב"ם ברענגט (פיהמ"ש סנהדרין פ"י)

**א** כולל יונגערמאן האט די זכי' נאך ב"ה א סאך שעה'ן פון די אוצרות און די ווערטער צו טרינקען כביכול פון דעם אייבערשטן'ס תורה, נאר וואס דען, האט דען כח א בעה"ב וואס ער ארבעט איז דאך אים שווער, ווייניג צייט נעבעך וואס ער האט א פארבינדונג מיט'ן אייבערשטן צו האבן, ער ארבעט א גאנצען טאג און ער האט אינזינען ביזנעס א גאנצן טאג, איז ממילא אין א וואכן טאג כאפט מען נעבעך ארום דאווענען, מנחה איז בכלל אין גלות, אבער שבת וואלט א מענטש געקענט אביסעלע טראכטן פאר'ן דאווענען און זיך צוגרייטן פאר'ן דאווענען וכדו', עס איז פארט נאר איינמאל אין דער וואך, און וויפיל האט מען שוין דאס ביסל יארן וואס לויפן אדורך, נוצט דער יצה"ר אויך דאס אויס, אזא נארישער יצה"ר עס איז נישט צו פארשטיין וויאזוי ער זאל אזא כח האבן אויף אידישע קינדער און דערצו עס איז אזוי גרינג פארשידענע זאכן, סוכ"ס עס פעלט אסאך עבודת ה' מיט מסי"נ.

ווען אן אנדערער מענטש וואלט איינעם דאס געטאן וואס מען טוט אליינס פאר'ן אייבערשטן וואלט מען ווען געווען אן אייביגער שונא, און דער יערות דבש זאגט מען מאכט אן ענן און עס לאזט נישט דורך די תפלה, יעדער איינער ווייסט וואס טוט זיך הן אין בריאות הגוף פרנסה און צער גידול בנים און פארשידענע זאכן וואס נאר דער אייבערשטער קען העלפן ווען מען בעט פון אים, און וואס טוהן מיר, מען מאכט א ענן וואס לאזט די תפלה נישט ארויפגיין און מיר טוהן גארנישט דעם ענן אוועקצופירן, און דאס לאזט נישט די תפלה ווייטער גיין נאר זיי הענגען אין די לופט'ן.

**אך אם אדם מתפלל אחר כך בכוונה ובבכי ודמעה, מעלה כל תפלות מכמה שנים אשר סביב נקבצו לו כי נשארו עומדים ברפיון בלי עליה, וכעת על ידי תפלה זו הם עולים במעלה בית אל.** אמאל ווען עס קומט א צייט ווען דער מענטש צעוויינט זיך אביסל, מען איז דאך אזא רחמנות אז מען מעג וויינען, מען ווערט זיך אזוי שעמען מיט זיך, מען האט דאך אויף וואס צו וויינען, דעמאלטס ווען מען וויינט שלעפט דאס ארויף די תפלות, די תפלות זענען נישט פארלוירן געגאנגען, אין די תפלת זכה איז מען דאך מתפלל אויף דעם אז די אלע תפלות פון א גאנץ יאר וואס מען האט מתפלל געווען שלא בכוונה זאלן נתעלה ווערן מיט די תפלות וואס מען בעט אין די הייליגע טעג, איז דאך דא א תקנה פאר די תפלות אז זיי זאלן נישט פארלוירן גיין.

**אבל המוציאים מפיהם ניבול פה רח"ל שבועת שוה ומסירת ממון של ישראל, אין התפלה נעכבת כי אם הולך יהלך תיכף לסטרא אחרא ר"ל וכאילו זבח לשעירים, ואם יבכה אחר כך וירבה בתפלה קשה להציל בולעם, ועל זה נאמר (קהלת ד א) ראיתי דמעת עשוקים ואין להם מנחם.** עס איז אמאל דא אזעלכע תפלות וואס זיי הענגען נישט סתם אין די לופט און ווארטן ביז עס קומט א תפלה מיט דמעות, תפלות וואס קומט פון א מויל וואס איז נישט ריין, די תפלות כאפט מען באלד אוועק, ממש מען געבט דאס אריין ר"ל אין די הענט פון סטרא אחרא, א מויל וואס רעדט ניבול פה א מויל וואס זינדיגט וואס איז מלבין פני חבירו ברבים וכדו', איז דאך דאס מויל נישט אנדערש פון א כלי שרת וואס איז נפסל געווארן, יום כיפור אז דער כהן גדול גייט אריין מיט דעם איז די גאנצע עבודה פסול ווייל דער כלי שרת איז פסול.

**אמאל** איז געווען איינער א מזרחי ער האט געזאגט א דרשה, ער האט געהייסן א למדן בדורו, איז רבי חיים בריסקער זצ"ל אויך דעמאלטס דארט געווען, ער האט אים געטראפן אין דער גאס האט ער אים געזאגט, בריסקער רב איך וויל אייך עפעס פרעגן, איך פארשטיי אז איר האלט אסאך אנדערש פון מיר און אוודאי איך קען אייך נישט איבערצייגן וכדו', אבער צו קענט איר מיר אויפווייזן צי איך האב עפעס געזאגט צי איך טו עפעס וואס איז נישט מותר אדער נישט ערליך איר קענט עפעס ווייזן, האט ר' חיים בריסקער אים געזאגט, איך וועל אייך עפעס פרעגן, קענט איר מיר זאגן אזא מציאות אז מען קויפט פלייש וואס איז גע'שחט'ן און גוזאלצן מנקר געווען פון א שוחט א יר"ש און אלעס איז געטאן ווי מען דארף, מהדרין דמהדרין, און מען קאכט דאס אפ און עס איז חזיר טריפה, קענט איר מיר זאגן אזא מציאות, איך וועל אייך זאגן, אז עס איז געקאכט אין א טריפה'נע טאפ!, וואס איר רעדט איז געקאכט אין א טריפה'נע טאפ, ממילא מעג עס זיין ווי גוט און ווי פיין עס איז געקאכט אין א טריפה'נע טאפ. לאמיר זיך אליין דן זיין לכף זכות אז מיר באלאנגען נישט צו דעם, אבער מען קען דאך נישט לייקענען אז עס איז פארהאנען אז מען זינדיגט און מען דאוונט.

**ווי** גרויס איז די טעות ווי גרויס איז די רחמנות, עס איז דאך א לאנד וואס איז פול מיט שמוצקייט, אודאי עס גייט אדורך א זומער וואס קען מען טוהן עס איז דא קליינע קינדערלעך מען קען דאך נישט אין שטאט בלייבן מען מוז אוועקפארן, אבער א יונגערמאן צו בלייבן א גאנצע וואך אליין, ער ארבעט ער גייט ארום מען מוז פארן מען מוז ארבעטן, אבער מען דארף דאך לוחם זיין מיט א יצה"ר, מען דארף דאך זיך אזוי שטארק אפהיטן, דער יצה"ר בלייבט נישט שטיין ווייל ער זעט א בארד ווייל ער זעט א שטריימל ווייל ער זעט א בעקיטשע צו ווייל ער זעט פיאות, ער קען מיט די שמוציקסטע זאכן אריינכאפן, דארף מען דאך אזוי שטארק בעטן אזויפיל זכות דארף מען דאך צו האבן.

און ער ענדיגט צו, **בני ואחי, נא הקיצו משינתכם האולת ואל תבלו את הזמן בהבלי העולם ושיחה בטלה ובסיפורי דברים בעניני מלחמות מי ינצח ומי ינוצח ולראות דברים ולטייל, כל הדברים האלה זה שייך לאנשים מסוג אחר, אבל לא ליהודי שיצטרך לתת על זה דין וחשבון, איך מותר לנו לאבד זמן בדיבורי ההבל האלו וכו', לכן הטיבו את דרכיכם עם בינות וחוסו על העדר הזמן שנאבד כי אין יקר בנבראים כמו הזמן וכו'. עכ"ד הרר"י.**

**צום** הייליגן חוזה פון לובלין זצ"ל איז אמאל געקומען דער רבי ר' יצחק מווארקע זצ"ל, ער איז געווען א גביר'ש איידעם, ער איז געווען א קעסט יונגערמאן, איז ער אריין צום חוזה, האט אים דער חוזה געזאגט, אויב עס וועט זיך דיר טרעפן א מלומדות פאסטן זאלסטו עס אננעמען. ער האט זיך גע'חידוש'ט, ער דארף א מלמד זיין? ווען ער איז ארויסגעגאנגען איז תיכף אריינגעגאנגען צום חוזה א דארפס איד, און ער האט זיך זייער מתנצל געווען אז ער האט צוויי קינדער און זיי זענען גארנישט מצליח אין לערנען, האט ער אים געזאגט, אויב דו קענסט באקומען דעם יונגערמאן וואס איז יעצט ארויסגעגאנגען פון דא פאר א מלמד, זאלסטו אים נעמען. איז ער צוגעגאנגען צו דעם יונגערמאן און ער האט אים געזאגט, דער רבי האט מיר געזאגט אז איך זאל דיך נעמען פאר א מלמד. האט דער ר' יצחק'ל פארשטאנען אז דאס איז נישט קיין טעות, און קיין שאלות האט ער דאך נישט געפרעגט, אז דער רבי האט געהייסן האט ער אנגענומען דאס מלומדות. און ער האט געשריבן פאר זיין ווייב אז דער רבי האט אים געהייסן זיין א מלמד און ער דארף פארן צום דארף. האט זי אים געענטפערט אין א בריוו, דו האסט זייער גוט געטוהן, ווייל עס איז געווען א פאגראם אין דער שטאט און מען האט חרוב געמאכט די גאנצע שטאט און אונז זענען געבליבן בחוסר לחם, און אזוי וועסטו כאטש עפעס פארדינען.

דער רבי ר' יצחק'ל האט זיך געזעצט לערנען מיט די צוויי קינדער און עס איז טאקע גארנישט געגאנגען, ער האט נישט געקענט מצליח זיין. איז ער געפארן צום חוזה און ער האט אים געזאגט, ער לערנט מיט זיי און עס גייט גארנישט אריין אין זיי, האט דער לובלינער געזאגט, בעט פאר זיי! האט ער אנגעהויבן צו בעטן און עס האט זיך טאקע אויפגעמאכט פאר זיי די קעפ און זיי האבן מצליח געווען. ער האט געלערנט מיט זיי עטליכע יאר, האט דער דארפס איד געבעטן אז ער זאל ווייטער דארט בלייבן לערנען, האט ער געזאגט, איך וועל פרעגן דעם רבי'ן. איז ער געפארן צום רבי'ן, האט דער רבי אים געזאגט, דו ביסטו דאך א נגיד'ישער יונגערמאן פארוואס דארפסטו זיין א מלמד? אינדערצווישן איז געקומען א בריוו פון דערהיים אז די רעגירונג האט אויסגעצאלט די שאדן וואס מען האט געהאט ביי די פאגראם. דאס אלעס איז דאך הימל'ישע זאכן. על כל פנים, ער האט געמוזט קומען דארטן ווייל עס האט אויסגעפעלט אביסל צו בעטן. דער רבי ר' יצחק'ל איז געווען א גרויסער למדן עס האט געפעלט ער זאל בעטן אז זיי זאלן קענען מצליח זיין. זעט אויס אז מיט אלעמען דארף מען דאך בעטן.

ווי קען א צווייטער אזוי ערנסט בעטן ווי מען קען פאר זיך אליין, יפה תפלת החולה לעצמו יותר מכל (ב"ר פנ"ג סי"ד). עס איז דאך א ענין פון חולי הנפש, מען איז דאך קראנק אויף דעם. דארף מען דאך בעטן פאר דעם רבון כל העולמים, ער ווייסט דאך ווי ווייניג מען האט א חלק אין די תורה און וויפיל פעקלעך מען האט שוין אויף זיך, מען האט געטוהן וואס מען האט נישט געדארפט צו טוהן, מען האט געטוהן אזעלכע זאכן וואס זענען מונע די תפלה, אזויווי מען זעט אין רמב"ם (הל' תפלה פ"ד ה"א) די חמשה דברים המעכבים את התפלה, וועט מען זען אז מען האט א חלק כמעט אין יעדע איינע פון די זאכן, אז מען האט אזויפיל עיכובים דארף מען זיך מתאמץ זיין. בעט איך ענק, יעדע זאך דארף דאך א פראפאגאנדע האבן, מאכט א שטיקל רעש אין דעם אז מען זאל זיך נעמען דאווענען. און דאווענען איז טייטש, שחרית, מנחה, מעריב, יעדע תפלה האט א באזונדער חשיבות. דער אייבערשטער זאל העלפן, אז מען וועט דאווענען ערליך וועלן די תפלות נתקבל ווערן און מען וועט מצליח זיין אין אנדערע זאכן אויך.

## בעניני תשובה

**דער** רמ"א אין שו"ע (יו"ד סי' רל"ב סי"ב) ברענגט א מחלוקת אויב אונס יום אחרון הייסט א אונס, דאס הייסט אז א מענטש שווערט אדער ער מאכט א נדר אז ער גייט טוהן א געוויסע זאך ביז א יאר אדער אין יענעם טאג און ער האט עס כסדר אפגעשטופט זאגענדיג אז ער האט נאך צייט, און צום סוף אינעם לעצטן טאג האט ער פארגעסן אדער ער האט געהאט א אונס און ער האט עס נישט געטוהן, צו דאס הייסט אן אונס צו נישט, ווייל סוף כל סוף ער האט געהאט א גאנץ יאר צייט און ער לאזט עס אויפ'ן לעצטן טאג און יעצט איז ער א אונס, איז קען זיין אז אונס יום אחרון לא שמיה אונס, אין דעם קען מען אריין טענה'ן, עכ"פ מען לאזט נישט אויפ'ן לעצטן טאג, א מענטש וועט ארום גיין ליידיג א גאנץ יאר און

די לעצטע רגע וועט ער זיך דערמאנען ער דארף תשובה טוהן, ער לייגט זיך שלאפן א האלבע שעה אדער צען מינוט פאר'ן דאווענען און ער פארשלאפט דעם דאווענען, איז עס ע"פ הלכה נישט קיין אונס, און צו מען קען נאך אמאל דאווענען צו עס האט א תשלומין איז א גרויסע שאלה אין די הלכה, צי דאס הייסט בגדר אונס אדער הייסט עס בגדר מזיד (עי' או"ח סי' ק"ח), דאס ווענדט זיך אויך אין די פלוגתא פון אונס יום אחרון.

די זעלבע זאך איז א מענטש זינדיגט אָן א גאנץ לעבן און אינעם לעצטן טאג וויל ער תשובה טוהן, תמות נפשי מות ישרים. נאר דער רמב"ם (הל' תשובה פ"ב ה"א) זאגט אפילו עבר כל ימיו ועשה תשובה ביום מיתתו כל עונותיו נמחלים. ביז די לעצטע רגע פון לעבן ווי לאנג דער מענטש לעבט קען ער נאך תשובה טוהן. אבער דער אמת איז אז פשט אין רמב"ם איז, אז ווען ער קען תשובה טאן דעמאלטס איז די תשובה אויך א תשובה, אבער ער זאגט נישט אז עס איז זיכער אז דער מענטש וועט קענען דעמאלטס תשובה טאן, עס קען זיין אז מען מוז לעבן גאר אן אנדער לעבן אז מען זאל דעמאלטס האבן די זכי' תשובה צוטאן. ווי האט דער קאצקער רבי זצ"ל געזאגט, מען האט אים געזאגט אויף א געוויסע רבי'ן אז ער איז א בעל מופת, זאגט ער, זאל ער באווייזן א מופת ער זאל מאכן א בעל תשובה.

**אין** די צוואה וואס דער צעהלימער רב זצ"ל האט איבערגעלאזט שרייבט ער דארטן, ואני מבקש ומתחנן מלפני אבינו שבשמים שיזכיני לעמוד בנסיון ברגע האחרונה ושלא אכשל ח"ו באיזה מחשבה שהוא נגד רצון הבורא ית"ש. ערליכע אידן האבן מורא געהאט טאמער אין די לעצטע רגע ווען מען האט שוין נישט קיין כח זיך מתווכח צו זיין און לוחם זיין מחמת בלבול הדעת, וועט דער בעל דבר קומען מסית ומדיח זיין און מען וועט אים צושאקלען מיט חלילה מסכים זיין און פארלירן די אמונה, עס איז טאקע דא אן אלטער מסירת מודעה נוסח פון די קדמונים (עי' שבט מוסר פרק כ"ז) וואס א מענטש זאל זאגן נאך פון פריער. ווי אזוי איז דאס טאקע מעגליך אז עס זאל זיין אזא חשש, נאר אז דאס לעבן איז נישט געווען אזוי ווי א איד דארף צו לעבן, האבן זיי מורא געהאט טאמער האט זיך דאס צונויף גענומען די לעצטע רגע, דעמאלטס חלילה וויל דער בע"ד אלעס אוועק נעמען. דער רמב"ם זאגט טאקע אז מען קען תשובה טאן, אפילו אין די לעצטע רגע אז מען טוט תשובה איז עס אנגענומען, אבער אז מען זאל דאס קענען טוהן, קען זיין אז מען דארף האבן צו דעם א סאך זכיות מען זאל בכלל זיין ביים דעת צלולה דעמאלטס אז מען זאל קענען תשובה טאן. דער אונס יום אחרון אויב דאס איז א אונס אדער נישט אין דעם קען מען זיך דינגען, מען קען טענה'ען איך האב דאך געוואלט תשובה טוהן אין דעם לעצטן טאג, איך בין דאך נאר נאנס געווארן, נו, דער אונס מאכט דאך דער אייבערשטער, אבער ווען מען לעבט א לעבן ווי עס דארף צו זיין, דעמאלטס טוט דער אייבערשטער פארהיטן דעם אונס, און אמאל לאזט דער אייבערשטער דעם אונס צוקומען, ממילא קען מען זיך דינגען ווער האט געמאכט דעם אונס.

עכ"פ תשובה טוהן אליין איז אין א רגע, אבער כדי צוצוקומען צו דעם דארף מען אריינטראכטן, מיר זענען דאך מאמינים, מיר זענען אביסל צו קלוג, לאמיר אביסל טראכטן מיט אמונה פשוטה, דער רבוש"ע ווייסט אז דאס איז גוט און דאס איז שלעכט, שלעכטע רעדן איז א שלעכטע זאך, שלעכטע טשיקן איז א שלעכטע זאך, וואלט מען אריינגעביסן אין איר?, קיינער זוכט זיך דאס נישט, עס איז א פשוטע זאך, עס איז דא א גן עדן און עס איז דא א גיהנם, אזויווי א איד גלייבט אז אין גן עדן קומט מען אריין אז מען איז ערליך, אבער אין גיהנם נעבעך צאלט מען, ווי דער רמב"ן זאגט (שער הגמול) אז אלע יסורי איוב פון זיין גאנץ לעבן קומט נישט צו ווי איין שעה אין גיהנם, און דער רמב"ן מעג מען אויך גלייבן ער איז געווען א ערליכער איד, דארף מען מורא צו האבן, נאר וואס דען, דער אייבערשטער איז א בעל החסד ובעל הרחמים ער וועט אונז אוודאי העלפן, אבער מען מוז אביסל טאן, יעצט איז א זמן וואס מען זאל טוהן, דער אייבערשטער זאל אונז אלע העלפן אז מיר אלע זאלן זוכה צו א כתיבה וחתימה טובה.

## מתוך דרשת מוסר לבחורי הישיבה

**דער** עיקר וואס איך וויל ענק זאגן ווען איך רעד מיט ענק, איך טו מעורר זיין און מוסר זאגן, איך דענק איך דארף נישט זאגן, איך וויל נישט ווי' טון, און ס'טוט מיר ווי' אז איך טו ווי', און אפילו מען זאגט סתם נאר די פשוטע אמת מען זאל קיין איין פיצעלע נישט מגזם זיין איז אויך א ווייטאג. פון דער אנדערע זייט מען זאל נישט זאגן מען זאל שווייגן, א מענטש דארף דאך אלעמאל דאס האבן, ס'איז דאך איינע פון די מ"ח דברים שהתורה נקנית בהם, אוהב את התוכחות (אבות פ"ו מ"ו). דער חפץ חיים זצ"ל האט פארציילט, אז עס איז געווען א שטעטל אין רוסלאנד וואס עס איז געווען דארט א ראש הקהל א גביר, לויט דעם שטעטל איז ער געווען א גביר, וואס איז געווען זיין גביר'שאפט, ער האט געמאכט בראנפן, מען האט עס נישט געטארט מאכן עס איז געווען א גרויסע סכנה אויף דעם, אבער מענטשן שטעלן דאך איין פאר פרנסה, און אזוי איז עס געגאנגען יארן לאנג, ער איז געווען דער שענסטער יוד און געטיילט אסאך צדקות, ביז אמאל האט מען אים געכאפט און דער עונש אויף דעם איז געווען צו פירן אויף סיביר, אויף סיביר צו פירן האט מען היינט נישט קיין השגה וואס דאס מיינט, ס'טייטש אויפ'ן גאנצן לעבן צו פארפאלן דארט, א נארמאלער מענטש האט דארט נישט געקענט אויסהאלטן, דאס איז נישט געווען ווי א תפיסה אין אמעריקא און נאך א פאר יאר לאזט מען אים צוריק. מען האט אים געקייטלט, געווענליך געט מען איין בקשה איידער מען טוט דעם עונש געבן.

**האט** ער פארלאנגט א בקשה, ער וויל איידער מען פירט אים אוועק זאל דער גאנצער שטאט זיך צאמקומען ער וויל זיך געזעגענען, האט מען אים נאכגעגעבן. האט ער געזאגט, איך גיי באלד אויף סיביר און איך ווייס איך דארף דארט אפצורעכטן דאס לעבן, איין זאך וויל איך זאגן, די גאנצע שטאט האט געוואוסט אז איך מאך די בראנפן, די גאנצע שטאט האט געוואוסט אז מען קען אריינפאלן פון דעם און מען קען דאס גאנצע לעבן פארשפילן, דער רב האט דאס געוואוסט און דער דיין און דער גאנצער קהל, און דאס האט זיך געצויגן ווייס איך וויפיל יאר און קיינמאל האט אים א מענטש נישט געזאגט אז ער זאל דאס נישט טון ווייל ער שפילט זיך מיט'ן לעבן, דער עונש ער נעמט דאס אויף זיך, ער האט דאס געטון און אים קומט דעם עונש, אבער אז מען האט אים נישט געזאגט דאס וועט ער קיינמאל נישט מוחל זיין, מען האט אים נישט געזאגט, מסתמא ווען מען וואלט עס אים ווען געזאגט וואלט ער עס ווייטער געטון, די תאוה אויף אזא מין אופן די פרנסה צו האבן איז גרעסער געווען, אבער פונדעסטוועגן איז ער עס נישט מוחל.

דאס נישט וויסנדיג צו מאכן זיך פון א גרייז וואס א מענטש טוט, דאס איז נישט קיין חכמה, עס איז אוודאי א ווייטאג ווען מען זאגט אז ער טוט נישט כהוגן וכדו', אבער פון דער אנדערע זייט איז דאס נישט וויסנדיג צו מאכן זיך אויך נישט ריכטיג, ערשטנס מען קען קיינמאל נישט וויסן, דער אבני נזר פלעגט צו זאגן אויפ'ן פסוק (דברים ו ו) והיו הדברים האלה אשר אנכי מצוך היום על לבבך. וואס הייסט דאס אויפ'ן הארץ, מען וויל דאך אז די ווערטער זאלן אריינגיין אינעם הארץ אריין, נאר זאגט ער דאס הארץ איז נישט אפן אלעמאל, דאס הארץ איז אסאך מאל פארשלאסן, נאר וואס דען, מען לייגט אסאך ווערטער אויפ'ן הארץ ארויף, די משנה (אבות פ"ד מ"ג) זאגט דאך אין לך אדם שאין לו שעה. ס'איז דא זמנים וואס דער הארץ מאכט זיך אויף, דעמאלס וועט עס אפשר אריינפאלן.

ס'איז דאך נישט ביי יעדן איינ(י)ג, לאמיר נעמען די מציאות ווי עס איז, מען איז דאך שוין אביסעלע עלטער, כ'האב געזען די אלע זאכן פון א יונגעל פון א בחור און פון אן עלטערע בחור, די אלע זאכן האב איך געזען, איך האב מיטגעלעבט די דאגות וואס מען האט פון די ריכטיגע שמחות און פון די נארישע שמחות, העכער פופציג יאר טוט מען דאך שוין די אלע זאכן אביסל מיט אן אנדערע בליק אנקוקן. אז מען ברענגט אן די צייט מיט התרשלות, מען טראכט עס איז וועגן דעם און וועגן יענע דאגה, זאל מען וויסן אז ס'איז נישט אזוי, נישטא קיין זמן אין לעבן ווען מען האט נישט קיין דאגות אזוי ווי חז"ל (רש"י רי"פ וישב) זאגן ביקש יעקב לישב בשלוה, שוין איז קפץ עליו רוגזו של יוסף. א יונגע בעל הבית האט זיין, א שפעטער בעל הבית האט זיין, די קינדער האבן זייערע און די ערוואקסענע זייערע, ס'איז נישטא קיין זמן אן דאגות, ווען מחמת דאגה זאל דער מענטש נישט טון די עבודה וואס ליגט אויף אים, הן אין תורה הן אין תפלה און אין אידישקייט, וואלט מען דאס גאנצע לעבן כמעט נישט געקענט זיין קיין איד ווי עס דארף צו זיין.

עס איז נישטא אזא זאך, אוודאי איז דא א ים מיט שמחות און גוטע זאכן וואס דער אייבערשטער געבט, א טאטע מאכט חתונה די קינדער און שמחות ביי קינדער וכדו', ס'איז דא א ים, אבער דאגות איז דא שטענדיג, דאס דארף מען וויסן. יעצט מחמת דעם ווען א מענטש איז פורק עול ווייל ער מיינט אז ער האט דאגות, מען קען נאך די דאגות מברר זיין און עס וועט זיך ארויסשטעלן אז דאס איז נאר מדומה'דיגע זאכן וואס דער יצה"ר האט זיי אויפגעבלאזן ווייל ער וויל פון א מענטש אוועק נעמען א חלק פון זיין אידישקייט.

די גמרא (עבודה זרה כ:) זאגט, אמרו עליו על מלאך המות שכולו מלא עינים בשעת פטירתו של אדם וכו' וכיון שרואה אותו מזדעזע וכו'. במיתתו של אדם ווייזט מען אים דעם מלאך המות און ער איז דארט מלא עינים, פיל מיט אויגן,

וואס איז פשט, נאר א מענטש קוקט דאך אויפ'ן לעבן און אויף די וועלט, ער קוקט עס אלעמאל אנדערש אן, אין יעדע צייט פון לעבן רעדט ער זיך איין אין אנדערע נארישקייטן אין תאוות, איינרעדענישן ווי דער גליק ליגט, אלס בחור האט מען זיינע נסיונות און שפעטער אלס יונגערמאן האט מען זיינע נסיונות, יעדער אין זיין עלטער מיינט מען אז מען איז דער גרעסטער חכם, אזוי איז עס און אנדערש איז עס נישט, אלס שפעטער ווערט ער אבער געוואויר אז ער האט פריער שלעכט געקוקט.

**במיתתו** של אדם ווייזט מען אים דער מלאך המות ער איז מלא עינים פיל מיט אויגן, די אלע אויגן וויאזוי דו האסט געקוקט אויף דיין לעבן, קוק וויאזוי דו האסט געטראכט דעמאלטס און דעמאלטס, דו האסט געמיינט דו ווייסט דו זעסט עפעס, דו האסט גארנישט געזען דו האסט געזען פאלש, חלילה ווען מען האט געזינדיגט און מען טוט זיך נישט מיישר זיין האט דער בעל דבר דיר פארבלענדט די אויגן, דו האסט די זאכן אנדערש געזען ווי זיי זענען.

**עכ"פ** דארף מען זיך מתבונן זיין, ובפרט א בחור וואס איז אין דעם נכשל, בחורים אין די ישיבה איז עס דאך די יארן וואס די גרעסטע אחריות ליגט אויף אים זיך אונטערצובויען אויפן גאנצן לעבן, ווען עס וואלט נאך געווען מיט א יצה"ר וואס מען קען עס פארשטיין, כמעט מען קען עס נישט פארשטיין, מיט אזעלכע ביליגע זאכן מיט אזעלכע הבל טוט ער אפקויפן א בחור, איך קען נישט קיין נארישע בחורים, קיינער איז נישט די גרעסטע חכם פון די וועלט, אבער נארמאלע אידן זענען דאך אלע, דאס וועלן דאך ווערן נארמאלע בעלי בתים בני תורה, מען זאל נאר פארשטיין מיט וועלכע רעכט לגבי דעם אייבערשטן נעמט זיך א געזונטער מענטש וואס באקומט פונעם אייבערשטן א פלאץ וואו ער קען שלאפן, ער באקומט א סעודה פון פת שחרית, מיט וועלכן רעכט נעמט ער זיך אנצוברענגען צייט, וואס איז דער יושר, איז נאר וואס דען, אז מען לאזט אים און אוודאי וועגן דעם וועט מען נישט ארויסווארפן, און מען זאגט אפילו ווייניג וועגן דעם וכדו', אבער א מענטש דארף דאך האבן עפעס א חשבון, ער איז דאך א מאמין, ער עסט דאך פארט הקדש געלט, ער עסט דאך פון מענטשן וואס ווילן האבן א קנין אין די תורה, דער בחור וועט אויך אמאל זיין א בעל הבית ער וועט געבן צדקה ער וועט אויסהאלטן ישיבות.

**אבער** יעצט געט אים דער אייבערשטער חיות און כח און געזונט, און נאכדעם גייט ער בידים מיט אזא התרשלות, א בחור וואס קומט שוין אין די יארן, איך מיין לגבי אידישקייט דארף מען מוטרד זיין מיט'ן לערנען מען זאל זיך ריין האלטן די מחשבה, זייער שנעל קען מען פארלירן דאס ביסעלע וואס מען האט, ווען א מענטש פלאגט זיך אויף לערנען וכדו' העלפט דאס אים אויף טהרת הנפש, משא"כ ווען מען ליגט נישט אין יגיעה פון תורה, בייטאג זיצט מען מיט אזא שוואכקייט, ביינאכט דרייט ער זיך ארום און שמועסט, סוכ"ס איז מען צוזאמען מיט די יונגערע בחורים ס'איז דאך אן אחריות, אנדערע זעען דאך, זיי זעען אז דער בחור וואס איז עלטער פון אים, וואלט דאך געדארפט צו זיין אז ער זאל שטייגן מער און בעסער, דער יונגער בחור זעט דאס, ס'איז אן אחריות, ער קען חשך אויך צו דעם באקומען.

**עס** איז דא מענטשן וואס האבן נישט קיין צייט צו דאווענען אדער צו לערנען געהעריג, זיי זענען זיך מצער וואס זיי קענען נישט זאגן אפאר קאפיטלעך נאכן דאווענען ווייל זיי מוזן שוין כאפן די באס אדער די טרעין צו פארן ווי זיי ארבעטן דארט, אין וועלכע פלעצער וואס מען ארבעט, קען זיין מעגליך אז דאס מאכט נישט א רושם, אבער מען זעט ביי די פרשה ווי משה רבינו האט מסרב געווען בשליחתו של מקום זאגט דער פסוק (שמות ד יד) ויחר אף ה' במשה. זאגט רש"י כל חרון אף שבתורה עושה רושם וזה לא נאמר בו רושם ולא מצינו שבא עונש על ידי אותו חרון. דא האט עס נישט געמאכט קיין רושם, אבער טאמער שטייט ויחר מען איז ברוגז מוז דאס עפעס א רושם מאכן, רבי יוסי איז מחולק אף בזו נאמר בו רושם, דאס האט אויך געמאכט א רושם, מען האט אים אוועקגענומען די כהונה און עס געגעבן פאר אהרן. לאמיר נאר אביסל פרעגן, קען דאס זיין מעגליך אז א מענטש זאל קענען אזוי טון און אין הימל זאל מען זיך גארנישט רעכענען מיט דעם, איך קען עס נישט גלייבן, מיר דאכט זיך אז נישט איינער איז דא פון ענק וואס ער קען עס גלייבן.

**איז** דאך נאר אזוי, א קליינע נארישע יצה"ר וואס ער נעמט אוועק די שכל, איך ווייס כמה פון די בחורים וואס זיי האבן נישט קיין מנוחת הנפש, וואס האט ער דערפון, איז ער פון דעם דען צופרידן, עס גייט אים אדורך א וואך ער זאל קענען טאפן א וואנט וואס האב איך אין די וואך אויפגעטון, וויפיל בלאט גמרא איז צוגעקומען, וויפיל שעות לערנען איז צוגעקומען, ער קען עס נישט אויפווייזן, ער האט נישט גע'חזר'ט, ער האט נישט געטון פארן אייבערשטענס וועגן, ווי קען ער גוט פילן, פון דאס ביסל עסן קען ער גוט פילן וכדו', דאס קען דאך אים גשמיות נישט געבן.

איך האב גערעדט מיט ר' ישראל מרדכי גראסמאן [ז"ל] זאגט ער מיר אזוי, דער גאלאנטער רב זצ"ל ווארשיינליך האט דאס געזאגט, ער האט געלערנט ביים גאלאנטער רב, ער פלעגט צו לערנען מיט קינדער, פלעגט ער זאגן ביי קיין זאך קומט נישט דער עונש אזוי שנעל ווי ביי תורה, למשל א אינגל מען פארהערט אים וואס ער האט געלערנט, אז ער קען נישט האט ער עגמת נפש מיט בזיונות אינדערהיים וכדו', סוף וואך איז שוין דא דער עונש. ביי א בחור וואס ער נוצט נישט אויס די צייט, ער קומט צו די אכצן ניינצן יאר האט ער שוין דער עונש, סוכ"ס ווען א בחור שטייגט אין לערנען, די קאפ האט ער פון רבש"ע באקומען,

אבער די יגיעה און רצון און די אלע זאכן דאס ווענדט זיך אין די בחירה, ווען ער טוט דאס, איז ניינציג פראצענט בדרכי האדם ווי ווייט דער מענטש קען זען, וואלטן זיך די עניני שידוכים גרינגער געפירט, עס איז דאך אמאל פארבינדן מיט צער, ממילא טוט ער זיך דאך אליין אגרייטן עגמת נפש, אפשר חלילה אמאל פאר'ן גאנצען לעבן, פארשטייט מען מיט וואס דאס איז פארבינדן. און דאס איז א גרויסע גרייז צו זאגן איך בין דאך שוין אין דעם דערינען, איך בין דאך שוין א מתרשל, איך בין דאך שוין א נרפה, מען האט נישט קיין השגה וויפיל א וואך א חודש יגיעה אין אידישקייט, וואספארא רושם דאס קען מאכן אין הימל, עטץ האטס אין דעם קיין השגה נישט, נאר וואס דען, דאס טוט אויך דער בעל דבר אין יאוש אריינשטעלן אין מענטש, ער האט זיך זיינע תירוצים, עה זאגט ער, שידוכים ווענדט זיך נישט אין דעם, שידוכים ווענט זיך ווי גרויס און ווי קליין מען איז, צו וואסערע משפחה, צו וויפיל געלט מען האט וכדו'.

דער אמת איז נישט אזוי, דער יסוד אנצופאנגען מיט הצלחה דאס לעבן וואס קומט, וויפיל באגאדזש מיט תורה ויראת שמים מען האט, דאס איז דער אמת ווייל דאס ווייסט מען אין הימל, די אלע זאכן וואס גייט אדורך די תהלוכות בני אדם, דאס מאכט דער בע"ד עס זאל ביי אונז ביי אונזערע אויגן אויסזען דאס גרעסטע, איר מעגט מיר גלייבן, איך האב שוין געזען כמה בחורים, איך האב געזען ביי פארשידענע וואס דערנאך איז געקומען, בבירור גמור ווענדט זיך דאס אין דעם וויפיל יגיעה לייגט ער פארן אייבערשטן, לויט דעם ווייזט זיך דער אנדערע חלק, אוודאי נישט יעדער אויפ'ן זעלבן אופן, אבער פון ליידיג גיין, פון נישט אויסנוצן די צייט, פון מבטל זיין די צייט, פון דעם קען קיין גוטס נישט ארויסקומען, דאס קען מען פון הימל נישט פארשווייגן.

דאס אלעס לעולם איז זאכן וואס יעדער ווייסט פון זיך, און איך וואלט עס אפשר נישט געטארט זאגן ווייל איך בין מצער דערמיט, הגם ביי א רבים קען איך יעדן איינעם מיינען אבער פונקט אזוי קען זיין דיך מיין איך נישט און דיך מיין איך נישט, עכ"פ יעדער פאר זיך מעג דאך אביסל טראכטן, ווי מעג מען דאס טון, מען קומט אריין האלב עלף אין בית המדרש מען האט נאך קיין דריי מינוט נישט געלערנט און שוין שמועסט מען, וויאזוי האט מען נישט מורא פאר גא-ט, דער אייבערשטער וועט דאס אדורכשווייגן און גארנישט טון?, מען דארף דאך פשוט מורא האבן פארן עתיד, מענטשן וואס דער גאנצער אחריות פון לעבן ליגט אויף זיי, און יעצט שפילט ער זיך ארום כביכול מיטן אייבערשטן אזוי ווי ס'וואלט גארנישט געווען. דער אמת איז דאס בעסטע איז ווען דער מענטש טוט זיך אליין מוסר זאגן ווי חז"ל זאגן (ברכות ז.) יפה מרדות אחת בלבו של אדם יותר ממאה מלקיות.

א מענטש טוט זיך אליין געבן א קלאפ, הגם יענער קען זיין גערעכט מיט וואס ער האט געזאגט, וואס איז א נפקא מינה ווער עס זאגט, ווען מען באקומט א וויכטיגע בריוו קוקט ער זיך דען אום ווער דער פאסט טרעגער איז ווער ס'ברענגט דאס, דאך שטייט יפה מרדות אחת בלבו של אדם, פון זיך אליין זיך צו געבן אזוי, ער טראכט אריין דער אמת און טוט אויף דעם תשובה, צומאל איז עס טאקע שווער מען וועט קוקן אויף אים ער איז פלוצלינג פרום געווארן ער נעמט זיך לערנען און נאכדערצו אויפן קול וכדו', פונדעסטוועגן איז ער זיך מבזה על דברי תורה ער לייגט אוועק די אלע חשבונות און ער נעמט זיך לערנען אזוי ווי חז"ל (תדא"ר פ"ו) דרש'נען אויף יחזקאל בן בוזי בן שמבזין את עצמן על כבודי כל ימיהן. עס איז נישט אזוי גרינג אבער ער גלייבט אז לפום צערא אגרא,

פלוצלינג דער אייבערשטער העלפט אים מיט סייעתא דשמיא, מען טוט אים מוחל זיין אויף אסאך פון דעם עבר וואס איז נעבעך שוין אדורך אבער מכאן ולהבא חושבנא, נישט סתם ווייטער גיין אויף הפקר און עס זאל נאך אריינגעשלעפט ווערן אנדערע אויך.

**המשך יבוא בעזה"י**

# על הטוב יזכר

יזכרו לטובה, הני ידידינו החשובים היקרים הנגידים המפואר

## מוה"ר **שמואל דוד הערצאג** הי"ו

## מוה"ר **חיים ידידי' פישער** הי"ו

**וכל הנדבנים החשובים שיחי'**

שהשתתף בעין יפה וברוח נדיבה בסכום הגון להוצאת הגליון המוגדל

~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~

לעילוי נשמת רבינו הגאון האמיתי עטרת תפארתינו האדם הגדול בענקים,
איש האשכולות שהכל בו מקניני התורה, אוצר כל כלי חמדה
האי צדיק ועניו, מרן הגאון הצדיק, חכימו דיהודאה

# הגה"צ רבי יונה הלוי פארסט זצ"ל

במוה"ר ישראל ז"ל

ראש ישיבה הרמה ד'נייטרא – ובעהמח"ס דברי יונה

עלה בסערה השמימה ט"ז טבת תשמ"ג לפ"ק

## יומא דהילולא חל ביום ה' ויחי הבעל"ט

יהי"ר מלפני אבינו שבשמים, שזכות מרן זצ"ל יגן בעדם
ובעד ב"ב להתברך בשפע רב וכל טוב סלה
עדי שנזכה לביאת משיח צדקינו במהרה בימינו אמן

*מערכת אוצר יונה*

*וועד להוצאת ספרי מרן הגה"צ זצ"ל*

צו באקומען דעם גליון וועכנטליך שיקט א אי-מעיל צו
divrelyona@gmail.com
~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~~